־י קאַמפּער געגראָבן אונטערערדישע טונעלן און געבויט קאַטאַקאָמבן. די קאַטאַקאָמבן זענען געווען פאַרזען מיט עלעקטרישער באַלייכטונג, מיט זאַפּאַסן פון וואַסער מיט ראַדיאָ־הויכשפּרעכער, דאָ האָט מען אויסגעאַרבעט געווער, דאָ האָט מען אויסבאַהאַלטן מענטשן, אויף וועמען עס איז געפאַלן דער פאַרדאַכט פון דער געשטאַפּאָ. מען האָט צוגעגרייט אויף אַזאַ אויפן אַן עווענטועלע באַהעלטעניש פאַר גרעסערע גרופּעס מענטשן.

די אונטערערדישע קאַנאַלן און די קאַטאַקאָמבן האָט מען געבויט, פאַרשטענדלעך, אין דער טיפסטער געהיימניש. אָפיציעל האָט זיך דאָס אָנגערופן, אַז די יידן גראָבן לופט־שוץ־גריבער. אַ ספּעציעלע באַדייטונג האָבן געהאַט די טונעלן, וועלכע האָבן פאַרבונדן דעם געטאָ מיט דער אויסערלעכער וועלט.

דער יאַנואַר־אַרויסטריט

אין קורצן האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע דורכגעפירט איר ערשטן באַוואָפנטן מאַסן־אַרויסטריט.

דעם ערשטן יאַנואַר 1943 האָבן די ס.ס.־לייט צוזאַמען מיט דער הילף־פּאָליציי אַרומגערינגלט אייניקע גאַסן און אָנגעהויבן אַ געוויינלעכע כאַפּעריי. ווי גרויס איז געווען זייער שטוינונג, ווען די מערהייט פון די פאַרהאַלטענע האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און דערקלערט, אַז זיי וועלן זיך נישט רירן פון פּלאַץ. און ווען די ס.ס.־לייט האָבן דערהאַרגעט אייניקע פּאַראַקשנטע, האָט זיך פון די שכיינעסדיקע פענסטער אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון קוילן אויף די קעפּ פון די מערדער.

די ס.ס.־לייט האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז און אַרויפגעשפּרונגען אויף די טרעפּ. אָבער דאָ זענען געשטאַנען מיטגלידערינס פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט פלעשער מיט וויטריאָל.

דערווייל איז זיך פון די שכיינעסדיקע גאַסן צוזאַמענגעלאָפן אַן אָנגעזועענע צאָל קעמפער, באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן. דער קאַמף האָט נישט לאַנג געדויערט. די פאַשיסטן האָבן זיך צוריקגעצויגן. די כאַפּעריי האָט זיך נישט איינגעגעבן. די פאַרהאַלטענע זענען זיך צעלאָפן.

בישאַס דעם ערשטן באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס מיט דעם סוינע, זענען געפאַלן אייניקע קעמפער. מיט אַ העלדישן טויט איז אויפן גאַס געפאַלן דער טוער פון „מיזראַכי" — שטשעראַנסקי; עס איז אויך געפאַלן דער געוועזענער עסטרייכישער גענעראַל, אַ געשמאַדטער ייד, דער אַלטער דאָקטאָר יאַקאָוו מאַיזעלס.

די קאַמפּס־גרופּן פון אונטערערדישן געטאָ האָבן אָפּגעגעבן זייער קאַמפּס־עקזאַמען.

די נעקאָמע פון די דייטשן איז אויך דאָסמאָל געווען אַ בלוטיקע און אַכזאָריעסדיקע.

100 אָרעווניקעס האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר דער מוטיקער האַלטונג

פון געטאָ. צווישן די געהאַנגענע האָט זיך געפונען דער אַלטער ראָוו איזאַק טענענבוים, דער אַלטער שרייבער און פּובליציסט הילעל צייטלין, דער באַוווסטער יידישער היסטאָריקער דער פּראָפעסאָר ד"ר מייער באַלאַבאַן, דער געוועזענער לייטער פון דער אַמעריקער דזשאָינט־אָפּטיילונג, גיטערמאַן און אַנדערע אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ און גייסטלעכע.

אָבער דער געטאָ האָט זייער פיל געוווּנען. פון יאַנואַר ביז אַפּריל זענען מער נישט פאָרגעקומען קיין אַרויסשיקונגען קיין טרעבלינקי. דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פון פאַרהעלטנישמעסיקער רו, רו פאַר אַ שטורם. די היטלעראָווצעס האָבן זיך צוגעגרייט אין דער שטיל; פאַרבאַהאַלטענערהייט, צו דער אַלגעמיינער אָפּרעכענונג, כאָטש די דייטשע מאַכט האָט אייניקע מאָל איבערגעכאַזערט די דערקלערונג, אַז די, וואָס זענען געבליבן, וועלן לעבן און אַרבעטן.

דאָס געטאָ האָט זיי דאָך נישט געגלויבט.

אַ סאַך זענען אין פאַרלויף פון דעם מאָנאַט געשטאָרבן. אַ סאַך זענען אומגעקומען פון די פיינטלעכע קוילן בעאַיים דאָס געהיימע איבערטראָגן פון עסנוואַרג. אַ סאַך זענען אַנטלאָפן אויסערן געטאָ. אין יאַנואַר האָט דער הויפּטגעטאָ געציילט 60 טויזנט מענטשן. אין אָנפאַנג אַפּריל — 40 טויזנט; אין קליינעם געטאָ האָבן זיך אין אַפּריל געפונען ביי אַ 10 טויזנט איינוווינער. פון דער פערטער און דריטער קאַטעגאָריע זענען געבליבן זייער ווייניק, בעערך 5000 מענטשן. די איבעריקע זענען געווען אין גרעסטן טייל אַרבעטער פון די מעלוכע־פאַבריקן.

די אָנפירערשאַפט פון דער אונטערערדישער באַוועגונג פון געטאָ האָט זיך באַמיט דורך אַלע וועגן צו אינפאָרמירן דאָס אויסלענדישע פּוילן און די רעגירונגען פון די אַלירטע מעלוכעס, וועגן זייער לאַגע. עס איז געגאַנגען נישט אין איינפאַכע אינפאָרמאַציעס און נישט אין מאָביליזירן די וועלט־מיינונג, נאָר אין קאָנקרעטע הילף. דער קאָמיטעט און דער ראַט האָבן זיך צוגעגרייט צו אַ באַוואָפנטער פאַרטיידיקונג, צום קאַמף, זיי האָבן דאַן געפאָדערט הילף און אַן ענערגישע אַקציע מיצאַד דער עמיגראַנטן רעגירונג. זיי האָבן זיך אָבער אַנטוישט. אין דער דעפּעשע צו דער לאָנדאָנער רעגירונג אין אָנפאַנג פון יאָר 1942—43 דערקלערן זיי: „מיר פילן, אַז איר גלויבט נישט אין דעם, וואָס עס איז געשען". די פאָדערונגען פון געטאָ צום דעמאָקראַטישן אויסלאַנד זענען געווען קאָנקרעטע. עס איז געגאַנגען אין אויפצווינגען דייטשלאַנד אָפּצוהאַלטן די פיזישע אויסראָטונג. עס איז געגאַנגען אין ראַטעווען די לעבנסגעבליבענע. די אָנפירערשאַפט פון געטאָ, געלערנט פון דער ביטערער דערפאַרונג, האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט מיט אַ מאָראַלישן דרוק נישט מיט פּוסטע פּראָטעסטן קען מען באַאיינפלוסן די ענדערונג פון דער היטלערישער פּאָזיציע, נאָר מיט רעוואַנש, נאָר דורך באַנוצן די זעלבע גוואַלט־מיטלען לעגאַבע די אָנהענגער פון היטלערן אין אויסלאַנד. אין אַ צווייטער רעפּעשע פון ווינטער 1942—1943 ווענדן זיך דער קאָמיטעט און דער ראַט מיט פאַל נדיקן פאָרשלאַג צו דער לאָנדאָנער רעגירונג: „מען דאַרף אָננעמען — טעלעגראַפירט דאָס געטאָ — רעפּרעסיעס לעגאַבע די דייטשן אין די פרייע לענדער. קיין שום פּאָליטישע אַקציעס, קיין שום פּראָטעסטן, קיינע וואָרענונגען, אַז מען וועט זיי באַשטראָ־

פען נאָך דעם קריג, וועלן נישט העלפן. דאָס אַלץ מאַכט נישט קיין איינ...
אויף די דייטשן. דער איינציקער מיטל, וועלכער קען זיין ווירקזאַם און
טעווען די איבערגעבליבענע יידן פון אונטערגאַנג באַשטייט אין טויטן א...
וויסע צאָל פון דייטשע פאַשיסטן אין אויסלאַנד, און אַן אָפיציעלער דער...
רונג, אַז אויב זיי וועלן נישט אויפהערן די שכיטע אין פוילן, וועט מען ד...
פירן אַ מאַסן־עקזעקוציע איבער אַ גרעסערע צאָל דייטשן אין אויסלאַנד".

די ערשטן רופן נאָך הילף, נאָך רעטונג האָבן געפונען אַ שוואַכן אָפּק...
אין לאָנדאָנער נאַציאָנאַל־ראַט, און אויף די שפּאַלטן פון די עמיגראַנט...
צייטונגען. די לאָנדאָנער שעליכים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין לאַנד,
בעמעשעך פון אַ לאַנגער צייט, אָפּגעזאָגט דער אָנפירערשאַפט פון געטאָ
ליווערן פון געווער. דאָ האָבן אויך געשפּילט אַ ראָלע פאַקטאָרן פון אַ פּ...
טישן כאַראַקטער, די אַלגעמיינע טאַקטיק פון אויסוואַרטן, נישט דערלאָ...
באַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען; אין דעם אָפּזאָג האָט אָבער געשפּילט אַ ...
דער נאָך נישט אויסגעלעבטער ביי די הינטערשטעליקע עלעמענטן, אומ...
לעגאַבע די יידן. דער אָפיציעלער אָפּזאָג פון נישט צושטעלן געווער האָט אַ...
גערופן אין געטאָ אַ פאַרשטענדלעכע כוואַליע פון אויפרעגונג. די אויפר...
האָט געפונען איר אויסדרוק אין דעם בריוו, וועלכער איז געשיקט געוואָרן
יאַנואַר 1943, נאָך די אויבן באַשריבענע געשעענישן, צו דער לאָנדאָנער
גירונג, ווי אויך צו די פּוילישע און פּויליש־יידישע פּאַרטייען אין ענגל...
דעם בריוו האָבן אונטערגעשריבן די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פונם קעמפנ...
געטאָ, און ער האָט זך אָנגעהויבן מיט די ווערטער, אַפּעלירנדיקע מיט בלו...

„ברידער ! די לעצטע יידן אין פּוילן אין די געפערלעכסטע טעג פון ...
עקזיסטענץ שרייבן צו אייך די ווערטער מיטן בלוט פון זייער האַרצן. מיר
דאָ אָפּ מיט בלוט, און זאַמלען צונויף די רייען צו דער דערצידערנדיקער של...
און איר פירט אַ רואיק לעבן, לייגט זיך שלאָפן 9 אַזייגער און כאַלעמט ...
דער פאַרגאַנגענהייט".

דער בריוו פאָדערט באַלדיקע הילף און דאָס פאַרשטאַרקן די אַקציע
לאַנד. דער דאָקומענט איז אויסבאַהאַלטנגעוואָרן דורך זיינע אָפּנעמער. ער
נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביז צו דעם עפּילאָג פון דער בלוטיקער טר...
דיע. נאָך דעם טראַגישן זעלבסטמאָרד אין לאָנדאָן פון בונדישן טוער זי...
בוים אַרטור און די אָפּקלאַנגען פון אָט דעם פּראָטעסט־אַקט צווישן דער
ליש־אַמעריקאַנער „פּאָלאָניע", האָבן אַרויסבאַקומען אויף דער שיין
שמערצן באַשולדיקונג ס־אַקט, וועלכער איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון ...
משען, וואָס האָבן געפילט דעם אָטעם פון טויט.

קאָלעקטיווער זעלבסטמאָרד פון די געמינע־טוער

אין דער העלפט יולי 1942 זענען גערופן געוואָרן צום געשטאַפּאָ־שעף
בירגערמייסטער פון וואַרשעווער געטאָ, טשערניאַקאָוו, און פיר גמינע־ראַט...

...דאָס געשפּרעך איז געווען, ווי געוויינלעך, אַ ווייטיקדיקער. די געשטאַפּאָ
...געאָרדערט פון דער געמינע אַ רעשימע פון 6000 מענטשן פון דער פּערטער
...מיטן ציל זיי אַוועקצושיקן אויף מיזרעך, צו די געביטן קלוימערשט
...באַפעלקערטע, און צעשטערטע פון קריג. די טוער פון דער געמינע,
...פון דער ביטערער דערפאַרונג, האָבן אָפּגעזאָגט. דער געשטאַפּאָ־שעף
...זיי אַריינגעפּאַקט אין טפיסע... אין געטאָ זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען,
...געמינע־פאָרשטייער זענען געוואָרן איבערגעגעבן צו טאָרטורן. ס'איז געווען
...די קאָהעל־פירער וועלן שוין מער די ליכטיקע שיין נישט אָנקוקן. נאָך
...טעג האָט מען זיי דאָך אַרויסגעלאָזט. אין דער זעלבער נאַכט זענען
...טשערניאַקאָוו און אַלע זיינע פיר כאַווירים פון געמיינזאַמען ביטערן גוידל
...זיי דער אויבן־דערמאָנטער יאַשונסקי) באַגאַנגען זעלבסטמאָרד,. מען
...געפונען צומאָרגנס זייערע טויטע קערפּערס ביי די אויפגעדרייטע גאַז־
...אין טשערניאַקאָווס וווינונג.

...די געמינע־טוערס האָבן געהאַט פאַר זיך צוויי אויסוועגן : ווערן אַ פּאַר־
...נעצייג פון אייגענע ברידער, און אויף דעם אויפן בלייבן ביים לעבן;
...די אמטן, אָדער פולשטענדיק רעזיגנירן פון דער לעגאַלער טעטיקייט,
...אין אונטערערד, פאַרייניקן זייער אָנשטרענגונג מיט דער טעטיקייט
...און פון קאָמיטעט און פאַרבייטן די פּאָליטיק פון פּשאָרע אויף דער
...פון ווידערשטאַנד. צום אַרויפגיין אויפן צווייטן וועג זענען זיי נישט
...צוגעגרייט, און מעגלעך, נישט פעיק; דער ערשטער וועג, אַלנפאַלס, האָט
...גערופן ביי זיי אַן עקל. זיי האָבן רעזיגנירט, אַלזאָ, פון לעבן. זייער גע־
...זעלבסטמאָרד איז געווען אַ בוילעטע אַנטידייטשע דעמאָנסטראַציע,
...פּראָטעסט, אַ שטאַרק־אַרויסגעזאָגטער, קעגן די פאַשיסטישע פאַר־
...

...ווי האָבן אויך פאַרשטאַנען דעם זעלבסטמאָרד די דייטשן. באַלד האָבן
...שאָט גענעבן רעפּרעסיעס אויף דער געמינע און אויפן געטאָ, ס'איז גע־
...אָנגעוויזן אַ נייע געמינע־פאַרוואַלטונג (נישט אָננעמען די דאָזיקע נאָמי־
...האָט געהייסן ווי דיכטן זיך אויפן טויט), אָבער איבער איר איז געוואָרן
...געזעצט אַ דייטשער קאָמיסאַר, וועלכער האָט אַמטירט אין דער געביידע
...דער געמינע. נאָמינירט דערויף איז געוואָרן דער געשטאַפּאָ־באַאַמטער,
...שטיינפּורט, וואָס די טעטיקייט זיינע האָט ער אָנגעהויבן דערמיט, וואָס ער
...פאַרמאַכט אַ ריי וווילטעטיקע אינסטיטוציעס און ער האָט מיט געוואַלט
...דורכגעפירט דאָס אַרויסשיקן פון די ערשטע 6000 יידן.

...וווהין מען האָט די מענטשן אַרויסגעשיקט איז אין אָנהייב געווען אַ גע־
...היימניש.

...צופעליקע דורכגייער — פּאָלאַקן אויף דער וואָלאָמינער סטאַציע — האָבן
...באַמערקט אַן איילנדיקן צוג; פון אַ פענצטער איז אַראָפּגעהאַנגען אַ קינדעריש
...דאָס אויסגעקרימטע פענעמל איז געווען אין גסיסע־צאַפּלען. אַ מאָדנער,
...שרעקלעכער רייעך, וואָס האָט געשלאָגן פון דאָזיקן צוג, האָבן צופעליקע דערפילט
...דורכגייער אויף דער סטאַציע אין מאַלקין. דאָס איז געווען אַ שאַרפער גע־

רוק פון כלאָר אויסגעמישט מיט מייסים־רייעך. און מענטשן האָבן אָנגערופן דעם דאָזיקן נישט געוויינלעכן געשפּענסט־צוג — „דער צוג פון טויט“.

פון דער מאַלקינער סטאַציע האָט זיך דער צוג אַוועקגעדרייט אין אַ זייט און איז פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די טויבע וועלדער, אין וועלכע די דייטשן האָבן אַ געוויסע צייט פריער אויסגעבויט אַ באַן־וועג.

טרעמבלינקי

דאָס איז אַ קליין דאָרף, ליגנדיק אין אַ זייט, נישט ווייט פון דער באַן־ליניע וואַרשע־ביאַליסטאָק. ס'דאָרף ליגט צווישן וועלדער, שיפּואים און זאַמדן, ס'איז ווי איזאָלירט פון דער וועלט. די דאָזיקע אומשטענדן האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשן צו דעם אָרט. דאָ האָבן זיי פאַרלייגט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. די איינוווינער פון דאָרף האָבן זיי אַרויסגעזעצט. זיי האָבן אויפגעבויט אַ ספּעציעלע זייטיקע באַן־ליניע און אָנגעהויבן אַראָפּברענגען מענטשן פאַרדעכטיקטע אין פּאַטריאָטישער טעטיקייט. אָט־אַזוי איז אַנטשטאַנען טרעמבלינקע „אַ“. און געווען איז דאָס אַ שטראָף־לאַגער אויסשליסלעך פאַר פּאָלאַקן.

אין מערץ 1942 האָבן די דייטשן פאַרלייגט לעבן טרעמבלינקע „אַ“ — טרעמבלינקע „בע“ — אַ טויט־לאַגער פאַר די פּוילישע יידן. דאָס איז אַ ריזיקער פּלאַץ אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט. אין מיט פון פּלאַץ אַ גרויסער פּאַרטער־בנין. דער בנין אַנטהאַלט אַ פּאָדער־הויז, אַ האַלע מיט אויוונס און אַ רייע קאַמערן, פאַרייניקט מיטן אויוון דורך רערן. יעדער קאַמער האָט פערציק מעטער די לענג און 15 מעטער די ברייט. אַ נישט גרויסע אָפּטיילונג ס.ס. היט דעם לאַגער. די אויפזיכט־מאַכט טוישט אָפּט די וועכטער: די הענקערס אַפילו, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג פאַרלוירן דעם מענטשלעכן געשטאַלט, זענען דאָך נישט אימשטאַנד צו פאַרברענגען צו לאַנג אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון קעסיידערדיקע און אומאויפהערלעכע מאַסן־מאָרדן און אָפּט נאָך אַ געוויסער צייט פאַלן זיי אַריין אין אַ נערוון־דערשיטערונג. בלויז איין פּאָסטן ווערט נישט געטוישט און איז שטענדיק באַזעצט פון דער זעלבער פּערזאָן: דער פּאָסטן פון לאַגער־קאָמענדאַנט. ס'פילט אויס דעם דאָזיקן אַמט דער באַקאַנטער פייניקער, דער ס.ס.־קאַפּיטאַן זאַוער, דער הענקער פון דער פּאָלעסיער באַפעלקערונג, דער מערדער פון 40.000 יידן אין פּינסק. ער פירט דאָס אָן מיטן שעכט־הויז אין טרעמבלינקע „ב“. דאָס איז אַ סאַדיסט, וועלכער אויפן אָנבליק פון בלוט, אויפן אָנבליק פון ווייטיק, שרעק און געסיסע פילט ער אַ ספּעציעלע באַפרידיקונג.

אָבער אַלס ראַפינירטער מערדער, ווייסט אויסגעצייכנט דער קאַפּיטאַן ס.ס. זאַוער, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אומגיין מיטן קאָרבן, איידער ער פאַלט

אַריין אין דער נעץ, ווי אַזוי מען דאַרף איינשלעפערן זיין וואַכזאַמקייט, קעדיי אויסצומיידן איבעריקן טומל, „די אייגענע און דעם פּערסאָנאַלס קלאַפּאָטן“ (ווערטלעכער אויסדרוק פון זאַוערן).

איז דעריבער דער ערשטער באַרעכהאַבע פאַר די פריש־אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן פונעם טויטן־צוג גאָרנישט אָנזאָגנדיק וועגן זייער קינפטיקן, שנעלן גורל. ווען פון די וואַגאָנען ווערן אַרויסגערוימט די טויטע קערפּערס, באַגריסט די נאָך לעבן־געבליבענע אַ ציווילער אויף יידיש; ער ווענדעט זיך צו די אָנגעקומענע מיט די ווערטער: „אָנגעקומענע! זאָרגט אייך נישט וועגן אייער גורל. איר זענט אַהערגעקומען אויף אַ זאַמלפּונקט, און פון דאַנען וועט איר אַוועק אויף מיזרעך. אויף די נייע ערטער וועלן די מענער אַרבעטן, פרויען וועלן זיך פאַרנעמען מיט דער הויז־ווירטשאַפט. פאַרן אַוועקפאָרן, איידער איר וועט אויפזיצן אין נייע, ריינע וואַגאָנען, דאַרפט איר זיך אָפּוואַשן אין באָד. יעדער פון אייך דאַרף איבערלאָזן דאָס געלט און די זאַכן אין דער קאַסע, פאַר וועלכע ער וועט באַקומען אַ קוויטירונג. דאָס אַנטוועכץ דאַרף מען אָפּגעבן צום דעזינפעקצירן. פאַר דער באָד וועט יעדערער דורכגיין אַ רעגיסטראַציע, אָנגעבנדיק די פּראָפעסיע און דעם עלטער, קעדיי די מאַכט זאָל זיך קענען אָריענטירן, אין וואָס פאַראַ אינדוסטריע־צווייגן מען קען יעדן באַשעפטיקן“.

אויך די רעגיסטראַציע רופט נישט אַרויס קיין שום באַומרויקנדיקע געדאַנקען און פאַרדאַכטן. בעאיים דער רעגיסטראַציע שטעלט מען אַוועק אין אַ זייט די געזינטסטע מענער. די דאָזיקע בלייבן אין לאַגער צו געהילף־דינסט. אין ערשטן מאָמענט איז בלייבן דאָ אַן אויסלייזונג. אָבער אין קורצן פאַרשעלט דער געבליבענער דעם מאָמענט, ווען אויף אים איז געפאַלן דער דאָזיקער אויסוואַל.

נאָכן דורכגיין די רעגיסטראַציע פון די נאַקעטע און באָרוועסע אָנגעקומענע שטעלט מען זיי אויס אין רייען. די בלוטיקע קאָמעדיע איז געוואָרן באַאַרבעט דורך זאַוערן ביז צו די קלענסטע איינצלהייטן. יעדער אַריינגייענדיקער אין דער קאַמער אָדער אין „באָד“ באַקומט אַ שטיקעלע זייף. קיין שום איינצלהייט רופט נישט אַרויס קיין פאַרדאַכט ביים אַריבערטרעטן די שוועלן פון די קאַמערן. אָבער ביסלעכווייז טרעט אָפּ די האָפענונגס־שטימונג פאַר שרעק און פאַניק. בעשאַס דעם אַריינלאָזן די מענטשן אין די קאַמערן פאַרשווינדט די יידישע באַדינונג, און עס באַווייזן זיך ס.ס.־לייט, באַוואָפנט מיט שפּריץ־רוטן און אייזערנע שטאַבעס. עס באַווייזט זיך זאַוער אַליין — דאָס פאַרצעף פון דאָזיקן סאַדיסט זאָגט גאָרנישט צו קיין גוטס. די דייטשן הייבן אָן אונטערצוטרייבן די מענטשן: „שנעלער! שנעלער!“ זיי שטופּן אַריין אין די קאַמערן וואָס מער קאָרבאָנעס. דער דיל פון קאַמער איז גליטשיק, די מענטשן פאַלן איינער אויפן צווייטן. די דייטשן כאַפּן אונטער די קינדער און וואַרפן זיי ווי די קעצלעך איבער די קעפּ פונעם צונויפגעפּרעסטן אוילעם.

עס טראָגט זיך פאַנאַנדער אַ געשריי פון פאַרצווייפלונג אָבער די מענטשן זענען הילפלאָז, די לונגען זענען פאַרסאַמט פון כלאָר נאָך פונעם טויטן־צוג. די ס.ס.־לייט שטופּן אַריין וואָס אַמאָל נייע מענטשן. סאָוער מיט אַן אויסגעקרימט

פאַרצעף פון רעציכע, וואַרפט זיך אַ וואַנזיניקער פון איין קאָרבן צום אַנדערן און קאַטעוועט די נאַקעטע קערפּערס אָן ראַכמאָנעס.

דאָס געשריי פון ווייטיק און פאַרצווייפלונג פאַרשטאַרקט זיך. אָבער די קאַמער איז שוין אָנגעשטאָפּט ביז איבער די ברעגן, פאַרטיידיקן זיך איז אַן אומזין. און דעמאָלט פאַרהאַקן די דייטשן שנעל די שווערע אייזערנע טיר און פאַרמאַכן זי הערמעטיש.

און אין זעלבן מאָמענט דרייט אויף די אומזיכבאַרע האַנט פון טאַליען, וועלכער זיצט אין דער אויוון־האַלע, די קראַנען, און פון די פּיסקעס פון עטלעכע צענדליק רערן זעצט אַ געדיכטער דאַמף, פּילט אָן די הערמעטיש - פאַרמאַכטע קאַמערן, דרינגט אַריין אין די העלזער און לונגען פון די צונויפגעדרענגטע מענטשן און ברענגט זיי טויט.

נאָך אַ פערטל שעה איז אַלץ געענדיקט.

איצט עפענען אויף די מערדער די טירן פון די קאַמערן. פאַר זיי ליגן הוי־פענס גופים. אין די לעצטע ליידן, אין גסיסה־ווייטיקן, האָבן זיך אַרומגענומען קרויווים און באַקאַנטע, ס'האָבן זיך אַרומגענומען צופעליקע שכנים, וועלנדיק אין לעצטן מאָמענט אַפילו לעבן זיך אַ נאָנטקייט פון אַ טייערן וועזן — רער טויט ווערט דעמאָלט לייכטער. און דער טויט־טראָגנדיקער, שטיקנדיקער דאַמף פלעכט נאָך שטאַרקער צונויף די מענטשן. די באַגראַבער קענען נישט אָפּרייסן קערפּער פון קערפּער. די ס.ס.־לייט לאָזן דאַן אַרויף קאַלט וואַסער. אונטער דער ווירקונג פון קאַלטן שטראָם קלעפּן זיך די גופים פאַנאַדער. דאַן פאַרוואַרפן די באַגראַבער שטריק אויף די באַרמינענס און שלעפּן זיי אַזוי מישפּאָכעווייז און גרופּנווייז.

הינטערן דאָרף, צווישן די זאַמדן, ברומט אַ מאָטאָר. דאָס איז אַ ספּעציעלע מאַשין צום גראָבן ריזיקע גריבער. אין די הונדערטער וואַרפט מען אַריין די באַרמינענס אין די קוואָרים, מען פאַרשיט זיי מיט ערד, און אַ צווייטע מאַשין פאָרט אַדורך איבער די פרישע קוואָרים, פּרעסט צו די ערד, גלייכט זי אויס, פאַרווישט די שפּורן פונעם שרעקלעכן פאַרברעכן.

מיט דעם אָבער ווערט נישט אויסגעשעפּט דער גאַנצער טראַגיזם פון איין ציקל מאָרדן אין טרעמבלינקע „בע". ס'איז נאָך געבליבן לעבן אַ קליינע מינדערהייט פון פּאַסאַזשירן פונם טויטן־צוג. ס'איז נאָך געבליבן די באַדינונג. באַלד שלינגט זיי אויך איין דער בלוטיקער מאַלאָך.

טאָג־טעגלעך זאַמלט זיי זאַוער צונויף און פרעגט זיי : „ווער איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט ? ווער קען שוין נישט מער?" עס טרעט אַרויס די מערהייט. דאָס לעבן איז זיי פאַרמיעסט געוואָרן. זאַוער זעלבסט דערהאַרגעט זיי מיט אַ קויל אין קאָפּ.

אין די קאַמערן פון טרעמבלינקע איז אומגעקומען די מערהייט איינוווינער פון וואַרשעווער געטאָ, ס'זענען אומגעקומען יידן פון אַנדערע שטעט. און אין דער זעלבער צייט האָבן אַנדערע טויטן־צוגן געצויגן אין דער ריכטונג פון בעלזשיץ, פירנדיק לעבעדיק מאַטעריאַל פאַר זייף־פאַבריקן. אין דער זעלבער צייט האָבן אַנדערע טויטן־צוגן געאיילט קיין אוישוויץ, קיין סאָביבאָר

אונטער וולאָדאַווע, קיין קאָסאָוו־פּאָדלאַסק, קיין טראַווניקי אונטער לובלין, ווו מען האָט די יידן דערהאַרגעט מיט דער הילף פון גאַז, עלעקטריע, ווו מען האָט זיי פאַרפּייניקט צום טויט מיט אוממענטשלעכער אַרבעט.

יעדער טאָג האָט געבראַכט טויזנטער נייע קאָרבאָנעס. די טאַליאָנים האָבן נישט גערוט, זיי האָבן דערהאַרגעט ביי טאָג און ביינאַכט, אין די וואָכן־טעג און אין די זונטיקן. לויט דער דערקלערונג פון איינעם אַ געשטאַפּאָ־באַאַמטן, זענען יעדע סעקונדע אומגעקומען אין פּוילן 4—3 יידן.

דער געטאָ רעאַגירט

אין דער העלפט אויגוסט האָט זיך צום פאַרבינדונגס־מאַן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער פּוילישער געגנט, געוואָנדן אַ פּוילישער אייזנבאַנער; געבראַנגט האָט ער די שרעקלעכע ידיעה וועגן גורל פון די אַרויסגעשיקטע, די ערשטע אינפאָרמאַציע וועגן די גאַז־קאַמערן אין טרעמבלינקע „בע".

בליץ־שנעל איז די ידיעה אַדורך דעם געטאָ.

אין צווישנצייט האָט ד"ר שטיינפּורט איבערגעפירט נאָך עטלעכע פאַרטיעס. די היטלערישע טאַליאָנים האָבן מיט דער שמאָל־וועגיקער קליין־באַן פון דער „לאָדונגס־סטאַציע" אין שפּיטאָל־ביניען פון טשיסטע איבערגעפירט אין דער ריכטונג פון מאַלקין עטלעכע טויזנט מאַן.

אין קורצן האָבן די דייטשן זיך דאָך איבערגעצייגט, אַז דער געטאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם דעפּרעסיע־צושטאַנד און רעזיגנאַציע, אַז דער געטאָ איז פעיק צו אַ מער אַקטיווערער רעאַקציע, ווי זעלבסטמאָרד.

דעם 26־טן אויגוסט זענען די געטאָ־גאַסן געווען די אַרענע פון אַ נישט־געוויינלעכער, אין היטלער־רעזשים, דערשיינונג. פאַר דער געביידע פון דער געמינע־פאַרוואַלטונג האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ פיל־טויזנטקעפּיקער האַמוין. מען האָט געוואָרפן אויסגעשרייען קעגן דעם קאָמיסאַר שטיינפּורט, קעגן דעם קעהילע־ראַט, ס'זענען אויך געפאַלן אויסרופן : „נידער מיט טרעמבלינקע", „נידער מיט די אַרויסשיקונגען" !

פאַרגעקומען איז דאָס אין דער זעלבער צייט, ווען אין אַנדערע גאַסן האָבן ס.ס.־סאָלדאַטן דורכגעפירט אַן אַבלאַווע מיטן ציל פון די ווייטערדיקע אַרויסשיקונגען. זיי האָבן פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט אויף טשיסטע, יעדן איינעם, וואָס האָט זיך נישט געקענט אויסלעגיטימירן מיט אַן אַרבעטס־סערטיפיקאַט פון מעלוכישן אינדוסטריע־אַנשטאַלט אָדער פון דער געמינע־אינסטיטוציע.

עמעץ צווישן פאַרזאַמלטן אוילעם פאַר דער געמינע האָט געוואָרפן דעם סיגנאַל און די מאַסע האָט זיך אַ ריס־געטון אין גאַס אַריין, ווו די כאַפּערס האָבן געהוליעט. ס'זענען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן. די היטלעריסטן האָבן באַנוצט געווער. דער האַמוין איז זיך פאַנאַנדערגעלאָפן, איבערלאָזנדיק אויפן

ברוק עטלעכע צענדליק דערהאַרגעטע. אין גערטומל האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון די ס.ס.־הענט אַ סאַך געכאַפּטע. אַ געוויסע צאָל פון די קאָרבאָנעס איז געלונ־גען צו אַנטלויפן פון געטאָ; זיי זענען געוואָרן באַהאַלטן פון פריינט פּאָלאַקן, זיי זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט דאָקומענטן און זענען געוואָרן אָפּגעשיקט אין ניט געפערלעכע ערטער.


די נעקאָמע פון די היטלעריסטן האָט נישט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. צומאָרגנס האָבן די דייטשן אַריינגעפירט אין געטאָ זייער פּאָליציי. די באַנ־דיטן האָבן געעפנט אַ פייער, באַשיסנדיק אַלע פענצטער און דערהאַרגענענדיק אויפן אָרט אַלע דורכגייער. צעיושעטע גרופּן פּאַשיסטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין די וווינונגען פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע טוער. אַ באַוואָפנטע באַנדע איז אַריינגעפאַלן אין דער וווינונג פונעם אָנפירער פון נאַציאָנאַלן ראַט, ייצכאָק שיפער. דער באַקאַנטער היסטאָריקער, צוגעשמידט צום בעט צוליב אַ שווערער קראַנקהייט, איז געוואָרן דאָן אויף אַ בעסטיאַלישן אויפן דערמאָרדעט.

די דייטשע צייטונגען, אַרויסגייענדיק אין גענעראַל־גוווערנעמענט, האָבן געגעבן קורצע נאָטיצן וועגן די געשעענישן אין געטאָ, אונטערן טיטל: „פּאַר־פּאַרטיי־קריגעריי אין דער יידישער געגנט”. די דייטשע פּרעסע האָט זיך באַמיט פּאָרצושטעלן די ערשטע קעמפערישע דעמאָנסטראַציע פון די יידן אַלס אַן אי־נערלעכע דערשיינונג צווישן זיי גופא. אָבער די דאָזיקע „פּאַרטיי־קריגערייען” האָבן, זעט אויס, אַזוי שטאַרק באַאומרויקט דעם גענעראַל־גוווערנער פראַנק, אַז ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק טייקעף וועגן דעם צו אַלאַרמירן בערלין.

הימלער אין וואַרשע; די שכיטע פון ערשטן סעפּטעמבער.

בערלין איז נישט אַריבערגעגאַנגען מיט שווייגן איבער די געשעענישן פון געטאָ. דעם זעלבן טאָג, ווען די דייטשן האָבן געהוליעט איבער די גאַסן פון געטאָ, איז קיין וואַרשע געקומען צופליען דער הויפּט־שעף פון דער געשטאַפּאָ, הימלער. ווי עס שטעלט פעסט דער בערלינער קאָרעספּאָנדענט פון דער איטאַליענישער צייטשריפט „לאַ טריבונאַ”, לוידזשי פּוטשיאַ, זייענדיק צו יענער צייט אין וואַר־שע, איז דער „פּאַציפיקאַציע”־פּלאַן איבערן געטאָ געוואָרן באַאַרבעט אין צי־מער פון וואַרשעווער גוווערנער פישער, מיטן אַקטיוון אָנטייל פון הימלערן. די „פּאַציפיקאַציע” איז געוואָרן אָנגעצייכנט אויפן ערשטן סעפּטעמבער, דעם טאָג פון דריטן יאָר פון דייטשן אָנפאַל אויף פּוילן. די „פּאַציפיקאַציע” איז באַשטאַנען פון אַ שרעקלעכער שכיטע, וואָס האָט געדויערט קימאַט דעם גאַנצן טאָג.

אויף עטלעכע פּלעצער — אויפן מוראַנאָווער, פּאַריסאָווסקי, בראָני — האָט מען צונויפגעטריבן ריזיקע האַמוינים; מען האָט געהייסן אויסשטעלן זיך אין רייען און קניען. די ס.ס.־לייט זענען זיך דורכגעגאַנגען צווישן די רייען.



דער פּלאַן פון וואַרשעווער געטאָ

ווי האָבן אריינגעקוקט אין די פּענעמער; געפעלט נישט דער אויסדרוק פון אַ פּאָנים דעם סאָלדאַטן־יינג — אַ קויל אין קאָפּ.

ווענן דער שכיטע פון ערשטן סעפּטעמבער האָט דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט אַרויסגעשיקט אַ שיפּרירטע דעפּעשע קיין אויסלאַנד:

„דער הער אַמאָס האַטע בעוואָרט זיין פערשפּרעכען פּאָם 3.5“.

(דער הער אַמאָס האָט אויסגעפירט זיין צוזאָג פון 3.5).

דעם שליסל צו אָט־דעם שיפר געפינען מיר אין דער ביבל. אָט וואָס ס'האָט געזאָגט דער נאָווי אָמוס (קאַפּיטל ה' פּאָסעק ג'):

„און אַזוי האָט גאָט געזאָגט. אין דער שטאָט פון טויזנט וועלן פאַרבלייבן הונדערט און אין דער פון הונדערט וועלן פאַרבלייבן צען זין פון ייסראָעל“.

נאָך דער שכיטע פון ערשטן סעפּטעמבער איז געבליבן אַ צענטכיילעק אין די רייען פון געטאָ. דער מאַלעכהאַמאָוועס האָט געפייערט זיין פינצטערן טריומף.

דער געבורט פון ווידערשטאַנד

אין די טראַגישע טעג פון סעפּטעמבער 1939 זענען געפאַלן אינעם קאַמף מיטן טויט־פיינט פון פּוילן, דעם דייטשן אָנפאַלער, איבער 36 טויזנט יידן, סאָלדאַטן און אָפיצירן פון פּוילישן מיליטער.

61 טויזנט פּוילישע יידן, סאָלדאַטן און אָפיצירן פון פּוילישן מיליטער, זענען אריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צום סוינע, וואָס האָט באַדייט פאַרלירן די פרייהייט, ס'געזונט, ס'לעבן.

יידן — זעלנער פון דער אינפאַנטעריע און אַרטילעריע, סאַפּערן און זעלנער פון דער פאַרבינדונגס־דינסט, דאָקטוירים און סאַניטאַרן, האָבן געקעמפט האַנט ביי האַנט מיט די זעלנער־פּאָלאַקן אונטער קוטנע, אויף די פאַרטיפיקאַציעס פון וואַרשע, אין מאָדלין.

און ווען דער ווידערשטאַנד פון דע ר רעגולערער אַרמיי איז געבראָכן געוואָרן, ווען וואַרשע איז געלעגן אַן אָפּגעגאַנגענע אין בלוט, אין אָנמאַכט, אין די נעגל פונעם טריומפירנדיקן האַקנקרייץ, און אין די וועלדער און שטעטעלעך האָבן אָנגעהויבן זיך צונויפזאַמלען די ערשטע פאַרטיזאַנען־גרופּן, זענען צו די קאַמפן אויך צוגעשטאַנען די פּוילישע יידן.

די קומענדיקע באַשרייבונג פונעם ווידערשטאַנד־געבורט נאָך די טראַגישע טעג פון סעפּטעמבער, דער געבורט פון קעמפנדיקן, אונטערערדישן פּוילן, וועט נישט קענען אויסמיידן דעם בונט פון 400 פּאָלאַקן און יידן אין אַרבעטס־לאַגער נישט ווייט פון פּראַשניץ סאָף 1939, דעם בונט, וועלכער איז געוואָרן אַרומגעהילט מיט אַ האַרציקער פאָלקס־לעגענדע, אָנרופנדיק אים „דער פּראַשניצער אויפשטאַנד“. און לעבן דעם נאָמען פונעם פּאָלאַק לאַנגיעוויטש, וועלכער האָט דער ערשטער געוואָרפן דעם דרייסטן געדאַנק וועגן ווידערשטאַנד, וועט דער קומענדיקער היסטאָריקער מוזן דערמאָנען אויך אַ צווייטן נאָמען — פונעם שטע־

טעלדיקן שמיד מוישע מעלך, וועלכער האָט דער ערשטער געגאַנוועט היים געווער ביים דייטשן וועכטער און מיטן דאָזיקן געווער האָט ער שפּעטער די כאַווירים פון זעלבן גורל געמאַכט אַ וועג צו דער פרייהייט.

עס האָט נישט קענען אויסמיידן דער קומענדיקער היסטאָריקער פון דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג אין לוקאָווער פּאָוויאַט די ראָל פונעם גערטנער אייזיק פיינגאָלד, וואָס איז געפאַלן מיט געווער אין האַנט בעאַיים דער באַוואָפנטער דעמאָנסטראַציע און שטרייט מיטן סוינע אויפן פּילסודסקי־פּלאַץ אין לוקאָוו; דאָס בלוט פון די דריי העלדן פון זעלבן שטעטל, פון די פּאָלאַקן סטזשעלעצקי.

שוין אינעם ערשטן פּעריאָד, ווען דער ווידערשטאַנד פונם אונטערערדיש. פּוילן איז נאָך געווען אַ שוואַכער, אַ צעשפּליטערטער, איז דאָס שטעטל לאָזשיץ שטאָלץ געווען מיט זיין פישער יאַנקל ניעביעסקי, וואָס האָט דער ערשטער געגעבן אַ ביישפּיל פון אַקטיוון ווידערשטאַנד אויפן שטאָטישן מאַרק, און דאָס מאַזאָווישע שטעטל סאָקאָלאָוו האָט געוווסט, אַז פאַר די אוולעם פון טויזנטער נעמט נעקאָמע אַרן ווײַנטרויב, וועלכער איז אַוועק אין וואַלד אַריין, צו די פּאַרטיזאַנען, און דאָס זעלבע האָט אויך געוווסט וועגן איר יוגנט די געמינע לאַסקאַזשעוו אין דער לובלינער געגנט.

בעשוטפּעסדיקע זענען געווען די ערשטע פּרוון פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, געווען איז דאָס די פרוכט פון דער פאַרברידערונג אין קאַמף פון די פּוילישע העלדן מיט די דרייסטע יידן — אַזוי ווי דער קאַמף פון זייערע פאָרגייער פונעם קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד, אינעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד און אין יאָר 1863 איז געווען אַ באַשוטפּעסדיקער, אַ ברידערלעכער, באַהויכט מיטן אידעאַל פון איין פאָטערלאַנד.

וואַרשע האָט ווייניקער געליטן, ווי לובלין, אָדער טשענסטאָכאָוו, איבער וועלכע ס׳האָבן זיך אויפגעהויבן ריזיקע פּלאַקאַטן „יודענריין“. אָבער די קלעפּ איבערן וואַרשעווער געטאָ זענען געפאַלן אָן איבעררייס. נאָך דער שכיטע פון ערשטן סעפּטעמבער, האָט פישער אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אַרומצוצוּפן די טעריטאָריע פון הויפּט־געטאָ. אין כוידעש אָקטאָבער, אין דער נאַכט פון קאָל־נידרע, האָט די געשטאַפּאָ דורכגעפירט אַ כאַפּעריי אויף זקיינים, וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון די באָטע־מעדראָשים און דערמאָרדעט אויפן בעסאוילעם. נאָכדעם זענען אונטערגעקומען די אַרויסשיקונגען פון יעסוימים. בעשאַס איינער פון די דאָזיקע אַרויסשיקונגען איז גוטוויליק געגאַנגען צום טויט דער אָנפירער פונעם יעסוימים־הויז אויף קראָכמאַלנע, דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג, פּסיכאָלאָג און שרייבער, ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק. ווען די אויסראָטער האָבן דערקלערט, אַז אים, אַלס דאָקטער, און בעמיילע אַ ייד פון דער ערשטער קאַטעגאָריע, איז צוגעטיילט די רעכט פון בלייבן אין וואַרשע, האָט דער איבערגעטריבענער קינדער־פריינט אָפּגעענטפערט: „דאָס אָרט מיינס איז דאָרט, ווו עס זענען מיינע קינדער“. ער האָט גענומען אויף די הענט דאָס יינגסטע קינד און אין שפּיץ פונם יעסוימים־צוג האָט ער געפירט אין וועג אַריין, צו דער אָנלאָדונג־סטאַציע, צום טויט.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע

שוין אין ערשטן פּעריאָד פון געטאָ, האָבן די לינקע און אַממערסטנס טעטיקע עלעמענטן פון אַרבעטער־קאָמיטעט צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון אונטערערדישן פּוילן רעקרוטירט די יידישע יוגנט אין דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג. די ווערבירונג האָט אַרומגענומען אַלץ ברייטערע קרייזן פון דער יוגנט, איבערהויפּט אין צווייטן פּעריאָד, ווען די כאַפּעריִען און אַרויסשיקונגען זענען געוואָרן טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען. דאָס אַנטלויפן אין די וועלדער, אין די פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען, איז געווען פון איין זייט אַ באַווייז פון אַ פאַרשטאַרקטן קאַמפּס־ווילן, פון אַ באַשלוס אַקעגנצושטעלן זיך. און פון דער צווייטער — איינער פון די מיטלען צו ראַטעווען די מענטשן פון פאַרשיקונג, פון פאַרניכטונג.

די פרוכט פון דערדאָזיקער געמיינזאַמער אָנשטרענגונג איז אויך געווען די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון געטאָ.

קאָמיסיע פאַר ספּעציעלע איניאָנים „זאַנדעראָפּטראַגסקאָמיסיאָן“

די שכיטע פון ערשטן סעפּטעמבער איז געווען נישט בלויז אַן ענטפער אויפן ערשטן קעמפעריש אַרויסטריט פון געטאָ, זי איז אויך געווען גלייכצייטיק דער אָנהייב פון דער פולשטענדיקער פיזישער אויסראָטונג פון פּוילישן יידנטום.

עטלעכע טאָג נאָך דער וואַרשעווער שכיטע, אויפן באַפעל פון הימלערן, איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער אַמט צום אויסמאָרדן די פּוילישע יידן — „זאַנדעראָפּטראַגסקאָמיסיאָן“ — אונטער דער אָנפירונג פון עסטרייכישן פאַשיסט ד״ר פּעי. דידאָזיקע קאָמיסיע איז זיך אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון אָקופּירטן פּוילן און אויפן אָרט „ליקווידירט“ די יידן.

די פּאָלאַקן האָבן דערדאָזיקער קאָמיסיע אַ נאָמען געגעבן „זאַנדערמאָרדקאָמיסיאָן“. דער הויפּט־טאַליען פון די פּוילישע יידן פּעי האָט זיך בעהאַדראָגעדיק אָפּגערעכנט מיט די יידישע יישווים פון לובלין, ראַדאָם, קעלץ, טשענסטאָכאָוו, און פון פיל אַנדערע שטעט. די פאַראורטיילטע זענען טיילווייז דערהאַרגעט געוואָרן אויפן אָרט, טיילווייז איבערגעשיקט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן פון טרעמבלינקי, לובלינער מאַידאַנעק, בעלזשעץ, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און בלויז אַ נישטיקע צאָל איז געשיקט געוואָרן אויף שווערע אַרבעטן אין די אָקופּירטע ווייסרוסישע געביטן. אין משך פון אַ קורצער צייט — פון נאָוועמבער 1942 ביז יאַנואַר 1943 — האָט די „זאַנדעראָפּטראַגסקאָמיסיאָן“ אויסגעראָטן בערך אַ מיליאָן יידן.

ס׳זענען געווען שטעט, ווו דער טעראָר האָט נישט אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען. לאָדזש און ביאַליסטאָק האָבן אין יענע טעג פון בלוטיקן שניט ווייניקער אָפּגעפילט די טעטיקייטס־פּאָלגן פון דער מערדער־„קאָמיסיע“. די דייטשן

זענען געווען פּאַראַינטערעסירט אין דער הויכער אַרבעט פון די קוואַליפיצירטע יידישע וועבער, האָבן זיי דאַן אָפּגעלייגט דעם „ליקווידאַציע"־טערמין פון די לאָדזשער און ביאַליסטאָקער יידן.

צווישן די טוער פון די קאָמיטעטן אין וואַרשעווער געטאָ איז פריי געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז אַפילע אַ מאַסן־אַנטלויפן אין די פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען איז נאָר אַ טיילווייזע לייזונג פון פּראָבלעם, אַז נאָר די יידישע באַפעלקערונג פון די קליינע שטעטלעך וועט זיך קענען אויף אַזאַ אופן ראַטעווען, נאָר אַזאַ קאָמפּאַקטע צונויפזאַמלונג פון מענטשן, ווי עס איז דער וואַרשעווער געטאָ, דאַרף גלייכצייטיק זוכן אַנדערע פאָרמען פון מאַסן־קאַמף.

און דאַן איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק פון שאַפן אַ נייע אונטערערדישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון אַ האַלב־מיליטערישן כאַראַקטער. אַזוי איז אַנטשטאַנען די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון קעמפנדיקן געטאָ. אין אירע רייען איז אַריינגעטראָטן יעדער איינער, ווער עס האָט געוואָלט מיט געווער אין האַנט קעמפן קעגן די דייטשן. עס זענען אַריינגעטראָטן קאָמוניסטן, פּאָאַלע־ציאָניסטן, בונדיסטן, ציאָניסטן, אַגודע־מענטשן. עס זענען אַריינגעטראָטן אַרבעטער, האַנטווערקער און אינטעליגענטן. די אינערלעכע סטרוקטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט דערמאָנט אַ מיליטערישע פאָרמאַציע.

שוין אין די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אָנגעבונדן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די פּוילישע אונטערערדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס. גלייך נאָך איר אַנטשטייונג האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויסגעברייטערט איר טעטיקייט אויף אַנדערע געטאָס, זי האָט אַרויסגעשיקט אירע פאָרשטייער אין לאָדזש, אין לובלין, אין סאָסנאָוויעץ, אין בענדזין, טאַרנאָוו, ביאַליסטאָק. ביז איצט זענען באַקאַנט די פאָלגנדיקע נעמען און פּסעוודאָנימען פון די הויפּט־טוער פון דער אָרגאַניזאַציע: די קאָמוניסטקע „נאַטקאַ", דער פּאָאַלע־ציאָניסט זאַגאַן, דער שאָמער־האַציר בראַנדעס, דער בונדיסט האָפּמאַן, די אומפּאַרטייאישע „מאָרדעכאַי", „מאַטאַס" און „יוזעף"; אַלע זענען זיי געפאַלן אויף די קאַמפּ־פּאָזיציעס פון געטאָ אין מאַי 1943; איינציקע פון זיי — בראַנדעס, „מאָרדכע", „יוזעף" האָבן געהערט צו דער גרופּע פון שעלוכים, וועלכע האָבן געגרינדעט קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס פון אַנדערע שטעט.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט גערופן די באַפעלקערונג פון געטאָ נישט צו מעלדן זיך אויף די זאַמל־פּונקטן די א. ג. „אַאוסזידלונג" (דעפּאָרטאַציע).

די אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרנומען מיט אַוועקשיקן מענטשן, איבערהויפּט די וועלכע זענען געווען באַדראָט אַרעסטירט צו ווערן פון דער געסטאַפּאָ, אין די פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען, האָט געפירט אַ דערציערישע טעטיקייט, איינפלאַנצנדיק אין דער יוגנט פון געטאָ אַ געפיל פון פאַראַכטונג צום טויט. און ווירקלעך: שוין אין דער ערשטער צייט פון איר טעטיקייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר אַרבעט איז נישט קיין אומזיסטע. דער געסטאַפּאָ האָט זיך נישט זעלטן

איינגעגעבן צו כאַפּן יונגנטלעכע, וועלכע זענען געלאָפן אין די פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען. די וואָס מען האָט געכאַפּט, האָט מען געהאַרגעט אויפן אָרט. אָפּט האָט מען זיי געפייניקט פאַרן טויט, קעדיי אַרויסצובאַקומען פון זיי ידיעס וועגן דער אונטערערדישער קאַמפּס־באַוועגונג, וועגן דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג. עס האָט זיך איינמאָל געטראָפן, אַז די געסטאַפּאָ האָט געכאַפּט עטלעכע יידישע יינגלעך אין וואַרשע. זיי זענען געווען מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די יינגלעך האָבן מוירע געהאַט, טאָמער זיי וועלן נישט קענען אויסהאַלטן די טאָרטורן און וועלן מוזן רעדן: זיי האָבן באַשלאָסן צו פּראָוואָצירן די דייטשן, קעדיי זיי זאָלן זיי אויפן אָרט דערהאַרגענען. ווען די דייטשן האָבן זיי געפירט דורך די וואַרשעווער גאַסן, האָבן זיי געוואָרפן אויסגעשרייען לעקאָוועד דער רויטער אַרמיי און הויך אָנ.געהויבן שפּאָטן פון היטלערן. די דייטשן האָבן זיי דאָך נישט גערירט. דאַן האָבן זיך די יינגלעך געוואָרפן אויף דער וואַך. עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס און די וועכטער האָבן דערשאָסן די העלדישע יידן.

נאָך איניקע מאָנאַטן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע דיספּאָנירט מיט אַן עטלעכע טויזנט־קעפּיקער אונטערערדישער אַרמיי, וועלכע איז צוגעטראָטן דורכצופירן פאַרשידענע אַנטי־דייטשע אַקציעס.

די שטימונגען פון די קעמפער;
הילף דער אונטערערדישער פּוילן

דאָס אַנטשטיין פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ דערהויבענע געשעעניש אין אינערלעכן לעבן פון געטאָ. זי האָט אויפגעטרייסלט ביז אין די טיפעניש די הערצער און מויכעס פון טויזנטער יונגע יידן, פאַר וועלכע דער געדאַנק אַליין פון ווידערשטעלן זיך דעם ווילן פון די דייטשן איז געווען פריער אַן אַבסורד, אַן אומוואַרשיינלעכקייט.

דאָס יונגע מיידל ה. ק., אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע, ווען עס האָט זיך איינגעגעבן נאָכן פאַלן פון וואַרשעווער געטאָ אַרויסצובאַקומען זיך פון פּוילן אין איינעם פון די נייטראַלע לענדער, האָט אויף אַ פאָלגנדיקן אופן באַשריבן איר אינערלעכן צושטאַנד אין די טעג, ווען זי האָט אָנגענומען דעם באַשלוס אַריינצוגיין אין די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע.

„איך האָב געפילט, אַז דער גאַנצער באָדן, אויף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט מיין לעבן, האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז פאַרשוווּנדן. איך האָב געפילט, אַז נאָך דעם ווי איך האָב אָנגענומען מיין באַשלוס, וועט מיר קיין שום קויעך נישט קענען צוריק צושמידן צו מיין פריערדיקן לעבנס־אָרט. איך האָב שוין נישט געהערט זיך אַליין. איך האָב געוווּסט, אַז איך גיי קעגן טויט, אָבער

איך האָב געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז דאָס איז אַ נויטווענדיקייט, אַז אַנדערש קען דאָס נישט זיין".

ווו האָבן די יידן גענומען געווער ?

עס האָבן זיך דאָך געפונען אין שויס פון דער פוילישער געזעלשאַפטלעכקייט אין לאַנד אַנדערע קויכעס, אַנדערע עלעמענטן, וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט אַ ברידערלעכע האַנט צו דעם אויפגעוואַכטן געטאָ. די עלעמענטן האָבן נישט באַגרענעצט זייער הילף צו ראַטעווען איינצעלנע מענטשן, צו דער מיטבאַטייליקונג ביים צופירן עסוואַרג. די עלעמענטן, אַליין דעצידירטע צום קאַמף מיטן אָקופּאַנט, האָבן געהאָלפן די יידן אונטערנעמען דעם זעלבן קאַמף. דאָס זענען געווען אַנטיפאַשיסטישע אַרבעטער - אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטיזאַנען - אָפּטיילונגען, פּויערים־באַטאַליאָנען, דאָס זענען, גאַנץ אָפט, געווען קאַטוילישע גייסטלעכע, אַליין פאַרפאָלגטע און געיאָגטע. די קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס פון אונטערערדישן פּוילן, טראָץ דער שטעלונג פון די לאָנדאָנער מיסיאָנערן, האָבן סיסטעמאַטיש באַזאָרגט דעם געטאָ מיט געווער דורך די אויבנדערמאָנטע אונטערערדישע קאַנאַלן און דורך די אָפיציעלע שפּייז־טראַנספּאָרטן. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער פאַקט, אַז אין די קאַרטאָפל־טראַנספּאָרטן פאַר די קיכן פון געטאָ, וועלכע האָבן געדאַרפט באַדינען די פאַבריק־אַרבעטער, האָט מען אָפט אַדורכגעשמוגלט האַנט און מאַשינען־ביקסן, גראַנאַטן, אַנטי־טאַנק אויפרייס־מאַטעריאַל און דינאַמיט.

די אָנטיילנעמער פון אויפשטאַנד פון מאָנאַט אַפּריל, וועלכע האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן אין אויסלאַנד, דערציילן וועגן פאָלגנדיקן פאַל. אַ געוויסער קעמפער, וועלכן מען האָט געשיקט נאָך געווער, איז אַריינגעפאַלן צוזאַמען מיטן וואָפן אין די הענט פון דער פוילישער פּאָליציי. עס האָט זיך דערוווסט וועגן דעם די אָנפירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע און זי האָט דורך דער פאַרמיטלונג פון אירע מענטשן איבערגעשיקט דער פּאָליציי אַ וואָרנונג, אַז בעמעשעך פון איין שאָ דאַרף זיך דער קעמפער צוזאַמען מיטן געווער געפינען אויף אָן אָנגעצייכנטן פּלאַץ. די וואָרנונג האָט געווירקט.

אַ פאַקט איז אויך, אַז די פאָרשטייער פון קעמפנדיקן געטאָ פלעגן קויפן געווער ביי איטאַליענישע סאָלדאַטן, וועלכע פלעגן צייטווייליק, דורכפאָרנדיק, זיך געפינען אין וואַרשע: זיי האָבן געצאָלט מיט דאָלאַרן, מיט גאָלד, מיט צירונג, אויפגעזאַמלטע ביי די פאַרמעגלעכערע איינוווינער פון געטאָ.

אין די קעלערן פון יידישן קוואַרטאַל האָט די אָנפירערשאַפט אָרגאַניזירט אַ געהיימע פאַבריק פון געווער.

די עלעקטראָטעכניקער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט אין דער דייטשע אינדוסטריע, האָבן פאַרבאַהאַלטענערהייט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אויסגעאַרבעט באָמבעס. זיי האָבן אָנגעלאָדן אויסגעברענטע עלעקטרישע לעמפּ־

לעך מיט דינאַמיט. אַ כוץ דעם האָט מען אין אונטערערדישן געטאָ פאַבריצירט גראַנאַטן און פּיסטאָלעטן.

אויב מען זאָל גלויבן די אָפיציעלע קאָמוניקאַטן פון וואַרשעווער געשטאַפּאָ, האָבן אויך דייטשע דעזערטירן פאַרקויפט געווער די יידן אָדער פּריוואַטע הענדלער, דייטשן, וועלכע מען האָט פון מאַירעוו איבערגעפירט אין וואַרשע. אַ רעוואָלווער מיט 100 קוילן האָט געקאָסט אין וואַרשע 500 זלאָטעס; אין געטאָ האָט מען געצאָלט פאַר דעם 3000 זלאָטעס.

אין גרעסטן סאָד פאַר די היימישע מאַסרים און אָרדענונג־מיליציאַנטן האָט מען געאיבט די נישט דערפאַרענע קעמפער, געשולט גרופּן פון קראַנקן־שוועסטער, גאַנצע גרופּן פון יונגנטלעכע, וועלכע האָבן געדאַרפט זיין אויסשפּירער און פאַרבינדער, אָפּטיילונגען פון פייערלעשער. נישט זעלטן פלעגן קומען אויף די געהיימע איבונגען פּוילישע אינסטרוקטאָרן פון וואַרשע און פון די פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען.

גלייכצייטיק האָט מען אַנטוויקלט אַ ברייטע קאַמפּאַניע צווישן דער באַפעלקערונג, צוגרייטנדיק זי צו דעם, וואָס עס וועט פאָרקומען.

„קיין מענטש ! קיין געלט !"

אין אָנפאַנג אַפּריל האָט דער שעף פון געשטאַפּאָ צונויפגערופן די נייע גמינע־פאָרשטייער — דעם ד"ר גוסטאַוו מילעקאָווסקי, דעם אינזשיניער מאַקסימיליאַן ליכטענבוים, דעם אינזשעניער אַלפרעד שטעגמאַן און דעם ראַטגעבער שערעשעווסקי און האָט זיי דערקלערט פאָלגנדיקעס : די מאַכט האָט באַשלאָסן איבערצולאָזן אין וואַרשע נאָר איין קאַטעגאָריע יידן — די אַרבעטער פון די מיליטער־פאַבריקן צוזאַמען מיט די נויטווענדיקע, קעדיי צו האַלטן אָרדענונג, צאָל מיליציאַנטן און גמינע אָנגעשטעלטע. די אַלע איבעריקע וועלן אַרויסגעפירט ווערן אויף אַרבעט אין די וועלדער אין דער געגנט פון אָטוואָצק. דער געשטאַפּאָ־שעף אַליין האָט גאַראַנטירט די אומבאַרירלעכקייט און זיכערקייט פון די, וועלכע וועלן בלייבן אין וואַרשע. די גמינע דאַרף גלייך צושטעלן ליסטעס און אָנווייזן וועמען מען דאַרף אַרויסשיקן. דאָס האָט אָנבאַלאַנגט אַ נישט גרויסע צאָל מענטשן, ווייל קיין אַלטע זענען שוין קימאַט אין געטאָ נישט געווען און די פּאָליעריקע, נישט באַשעפטיקטע אין דער קריגס־אינדוסטריע האָבן געציילט קוים 5000 מאַן.

די גמינע טוער האָבן אָפּגעזאָגט. דעם 17־טן אַפּריל זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן. און אַזוי ווי דעם פאַבריקן זומער, האָט זיך דער קאָמיסאַר שטיינפּורט אַליין גענומען דורכפירן די אַרויסשיקונג. ער האָט אָנגעצייכנט דעם לעצטן טערמין פון לעבעדיקן טראַנספּאָרט אויף דעם 20־טן אַפּריל. דאָס איז געווען דער פייער־טאָג פון געבורט פון „פירער". אין דעם טאָג איז אויך אויסגעפאַלן דער יידישער פּייסעך.

דער היטלערישער קאָמיסאַר האָט געוואָלט אויף דעם פייער אויסבאַקן נאָך אַ האָז. דעם 18־טן אַפּריל האָט ער אָנגעזאָגט דורך זיינע געהילפן די גמינע אָנגעשטעלטע, אַז דעם מאָל ציט ער צוריק זיין פאַראָרדענונג, אָבער פאַר דעם פאָדערט ער אַ געוויסע סומע דאָלאַרן און גאָלד.

די גמינע אָנגעשטעלטע האָבן אָנגעהויבן די זאַמלונג. אָבער אין לויף פון דער זאַמלונג איז צו דער אָנפירערשאַפט פון געטאָ דערגאַנגען אַ גאַנץ אַנדערע ידיעה. דעם זעלבן טאָג האָבן די פאַשיסטן גענומען, ווי שטענדיק, אַ געוויסע צאָל מענטשן אויף אַרבעט. פון דער אַרבעט זענען אַנטלאָפן אייניקע; מען האָט זיך דערוווסט פון זיי, אַז מען האָט די אַרבעטער אַוועקגעפירט אויף דעם ביים־אוילעם וווּ מען האָט זיי געהייסן גראָבן גריבער; אַ כּויץ דעם, האָט מען דאָרט צונויפגעפירט אַ גרעסערע צאָל פרויען, מען האָט זיי אויסגעשטעלט ביי די גריבער און מען האָט זיי געהייסן וואַרטן אויף זייערע מענער.

עס איז מער קיין צווייפל נישט געווען, אַז די גריבער זענען צוגעגרייט געוואָרן פאַר די 5 טויזנט, וועלכע מען האָט געדאַרפט אַוועקפירן קיין אָטוואָצק און, אַז ביי דער געלעגנהייט וויל שטיינפורט אויספילן זיינע קעשענעס מיט דעם אויסגענאַרטן געלד.

די גמינע־פשאָרעניקעס זענען פאַרשווּנדן געוואָרן. אויף דער גאַס זענען אַרויס די אַקטיוויסטן פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. מען האָט געוואָרפן די לאָזונג: „קיין מענטש, קיין געלד”!

דעם זעלבן טאָג איז אָנגענומען געוואָרן דער אַנטשיידנדער באַשלוס פון דער געטאָ־אָנפירערשאַפט, דער באַשלוס פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

דעם זעלבן טאָג האָבן די קאָמיטעטן אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד די פאָלגנדיקע אינפאָרמאַציע:

„דער אַרבעטער ־ קאָמיטעט און דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט רופן אויף די יידישע באַפעלקערונג צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. זאָל געשען, וואָס עס דאַרף געשען. קיין זאַך קען נישט ווירקן אויף דער ענדערונג פון אונזער באַשלוס. נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך באַשלאָסן, פילן מיר זיך ווי ניי־געבוירענע. מיר האָבן זיך איבערצייגט, ווי שטאַרק מיר זענען צווישן זיך פאַרבונדן. מיר האָבן אויפגעעפנט אַ ניי בלאַט אין אונזער לעבן, וועלכעס קען זיך אין יעדער מינוט איבעררייסן. מיר ווילן אייך געבן צו וויסן וועגן דעם, ווייל מיר ווייסן, אַז אונזער גורל גייט אייך אָן. זייט זיכער, אַז מיר ווילן וויסן, אויף וואָס פאַר אַ פּרייז אָפּגעבן אונזער לעבן”.

דער אָנפאַל אויף דעם אַרסענאַל פון דער געסטאַפּאָ

די אויפשטענדלער האָבן אויסגעניצט די צייט, קעדיי אויסצובעסערן דאָס אָרגאַניזירן זייערע קויכעס, פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס און באַקומען פריש

געווער. די אויפשטענדלער האָבן באַהערשט אַלע וואַרשטאַטן און דייטשע אַמוניציע־לאַגערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין געטאָ.

אויף אַזאַ אויפן האָבן זיי דעראָבערט אַ גרעסערע צאָל דייטשע מיליטער־אוניפאָרמען, שטאָלענע היטלען, גאַנץ גרויסע זאַפּאַסן פון שפייז.

אייניקע אָפּטיילונגען פון אויפשטענדלער האָבן אַזוי אַרום אָנגענומען דעם אויסזען פון דער רעגולערער דייטשער אַרמיי. דאָס האָט פאַרלייכטערט די יידן דורכצופירן דעם רומפולן אָנפאַל אויף דעם אַרסענאַל פון דער געשטאַפּאָ ביי דער ציטאַדעלע.

דער אָנפאַל איז דורכגעפירט געוואָרן ביינאַכט. אַן אָפּטיילונג פון אויפשטענדלער, איבערגעטאָן אין דייטשע אוניפאָרמען, האָט זיך באַוויזן נישט ווייט פון אַרסענאַל. די היטלעריסטישע וואַך — זייענדיק איבערצייגט, אַז דאָס זענען אייגענע, — האָט אַריינגעלאָזן די יידן אינעווייניק. די יידן האָבן אויסגעשאָכטן די וואַך, האָבן צוגענומען דאָס גאַנצע געווער און אַמוניציע, זיי האָבן אויך צוגענומען די קאַמיאָנען און איבערגעפירט אויף זיי דאָס געווער אין געטאָ.

„דער קליינער געטאָ” טרעט צו צו דעם אויפשטאַנד

אין פאַרלויף פון דער ערשטער וואָך האָט דער אויפשטאַנד נישט נאָר פאַרפעסטיקט זיינע פּאָזיציעס און פאַרגרעסערט די זאַפּאַסן פון געווער, נאָר אויך אויסגעברייטערט זיין באַזע, אַריינציענדיק אין קאַמף נייע טויזנטער מענטשן.

אויפן 2־טן אָדער 3־טן טאָג זענען צוגעטרעטן צום אויפשטאַנד די „איינוווינער פון „פּריווילעגירטן” אַ. ג. „קליינעם געטאָ”. באַקומענדיק די ידיעה וועגן אויסברוך פון אויפשטאַנד, האָבן די „פּריווילעגירטע” אָנגענומען דעם באַשלוס — צו שטעלן זיך אין די קאַמפּסרייען צוזאַמען מיט זייערע ברידער פון „הויפּט־געטאָ”. אין דער נאַכט האָבן אַלע פאַרלאָזן זייערע וווינונגען. דער „קליינער געטאָ” איז אונטערגעצונדן געוואָרן פון אַלע זייטן. 6000 מעטאַל־אַרבעטער, כעמיקער, שניידער זענען איבערגעגאַנגען אין „הויפּט־געטאָ”, די איבערגעבליבענע איינוווינער פון „קליינעם געטאָ” האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, אָדער אַנטלאָפן אין די וועלדער, אין די פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען.

די דעראָבערונג פון פּאַוויאַק

אין דער נאַכט פון 25-טן אויפן 26-טן אַפּריל, האָט אַן אויפשטענדלער־אָפּטיילונג, אין דער צאָל פון 500 גוט באַוואָפנטע קעמפער, נאָך אַ שווערן שטורעם, איינגענומען די טפיסע פון דער דזיעלנאַ גאַס, ד. א. ג. פּאַוויאַק — די לעצטע דייטשע פעסטונג אין האַרץ פון געטאָ. די שטורעם־אַקציע און די דעראָבערונג פון פּאַוויאַק איז אָרגאַניזירט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנטי־פאַשיסטישע גרופּירונגען פון דעם אונטערערדישן פּוילן. צווישן דער אָנפירונג פון געטאָ מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע פון פּאַוויאַק איז אין אָנפאַנג פון אויפשטאַנד אָנגעקניפּט געוואָרן אַ קאָנטאַקט אַ דאַנק דער הילף פון די אַנטי־פאַשיסטישע עלעמענטן פונם אונטערערדישן פּוילן.

אין פּאַוויאַק האָבן די דייטשן אַריינגעזעצט אַן אָנגעזעענע צאָל פון פּאָליט.־אַרעסטירטע — אין דער גרעסטער טייל פּאָליאַקן, אַ ביסל יידן און אַ גרופּע פון דייטשע אַנטיפאַשיסטן. אין פּאַוויאַק זענען אויך געזעסן אַ סך קאָרבאָנעס פון היטלעריסטישן טעראָר, פּאָליאַקן און יידן — מענטשן, וועלכע זענען אַרעסטירט און פאַרמישפּעט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן טפיסע פאַר פאַר־שידענע אַרמיי־דעזערטירן — דייטשן. אָט די לעצטע גרופּע אַרעסטירטע איז שידענע אַרמיי־דעזערטירן — דייטשן. אָט די לעצטע גרופּע אַרעסטירטע איז אויך אַרומגענומען געוואָרן דורך דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַקטיוויטעט פון די פּוילישע אַנטיפאַשיסטן.

די אַרעסטירטע פון פּאַוויאַק האָבן מיט אַן אויפריכטיקער פרייד אויפגע־נומען די ידיעה, וועגן אויסברוך פון אויפשטאַנד. די געשעענישן האָבן זיך אָפּ־געשפּילט גאָר נאָענט, פון דער צווייטער זייט פון רויטן מויער, וואָס רינגלט אַרום די טפיסע. זיי האָבן אַרויסגעשיקט אַ באַגריסונגס־בריוו צו די אויפ־שטענדלער, געבעטן, אַז מען זאָל זיי באַפרייען פון טפיסע און אויסנוצן זייער גרייטקייט צוצושטיין צו דעם אויפשטאַנד.

אַן אָפּטיילונג פון אויפשטענדלער האָט דערשאָסן די טפיסע־וואַך. מען האָט באַפרייט 2000 פּוילישע און יידישע אַרעסטירטע, אויך אַ גרופּע פון דייט־שע געפאַנגענע. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּוילישע אָפּטיילונג. אויף דעם טפיסע־טורעם איז אויפגעהאַנגען געוואָרן די ווייס־רויטע פאָן און דאַנעבן — די פענער פון די אַלירטע מעלוכעס.

די דעראָבערונג פון פּאַוויאַק האָט געהאַט אַ דרייפאַכיקע באַדייטונג. דאָס איז געווען, קוידעם־קאָל, אַ פּאָליטישער אַקט. צווייטנס — איז אין די אָדערן פון אויפשטאַנד אַריינגעפלאָסן אַ גרויסע דאָזע פון פרישן בלוט. אַ חוץ דעם, האָט דער פאַקט, וואָס צום אויפשטאַנד איז צוגעטראָטן אַ גרויסע גרופּע פּאָ־ליאַקן, צוגעגעבן די יידן מוט, געהויבן זייער מאָראַל, נישט ווייניקער, ווי די קאַמפס־דערפאָלגן אויף דעם שלאַכטפעלד; דאָס האָט באַוויזן, אַז זיי זענען נישט אין זייער קאַמף איזאָלירט, אַז דער קאַמף מיטן היטלעריזם, איז נישט נאָר זייער קאַמף פון געטאָ פאַר ווירדע און לעבן, נאָר, אַז ער איז אַ קאַמף אַ ברייטערער, אַן אַלגעמיינער, אַ געמיינזאַמער.

דער לעצטער אולטימאַטום

דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר פישער און די געשטאַפּאָ־אָנפירער האָבן, אין אָנהויב פון די געשעענישן, איניקע מאָל אויפגעפאָדערט די אויפשטענד־לער אַוועקצולייגן דאָס געווער. פאַרדעכטיקע טיפּן האָבן זיך געדרייט צווישן די קעמפער, האָבן פּרובירט צו זייען פּאַניק, האָבן צוגערעדט אַרויסצוגעבן די אָנפירער. זיי זענען אָבער גיך ליקווידירט געוואָרן דורך דער ספּעציעלער אָר־גאַניזאַציע פאַר קאַמף קעגן פאַראַט, שפּיאָנאַזש און דיווערסיע. די אָרגאַניזאַ־ציע האָט געפירט אַן אומלעגאַלע טעטיקייט נאָך לאַנג פאַר דעם אויפשטאַנד.

אויפן 9-טן טאָג האָט זיך די דייטשע אָנפירערשאַפט פון דער מיליטערי־שער גרופּע, וועלכע האָט באַקומען דעם באַפעל צו דערשטיקן דעם געטאָ מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, געווענדן, דורך דעם ראַדיאָ, צו די יידישע אָנפירער מיט דעם לעצטן אולטימאַטום. דער אולטימאַטום האָט, קוידעם קאָל, געפאָדערט די באַפרייונג פון די דייטשן, וועלכע זענען גענומען געוואָרן אין געפענגעניש דורך די אויפשטענדלער; די דייטשע מיליטערישע אָנפירונג האָט דערקלערט, אַז די יידן, וועלכע וועלן אויפהערן צו קעמפן און פרייוויליק זיך איבערגעבן די דייטשן, וועלן ווערן באַהאַנדלט ווי קריגס־געפאַנגענע און נישט ווי פּאַרטיזאַ־נען און וועלן גענייסן פון אַלע רעכט צוגלייך מיט די קריגס־געפאַנגענע פון אַנ־דערע נאַציאָנאַליטעטן און מעלוכעס. צום לעצט, האָט זיך די דייטשע אָנפי־רונג פאַרפליכטעט, אַז אין פאַל ווען די יידן וועלן קאַפּיטולירן — נישט אָנ־צורירן דעם געטאָ; אויב אָבער די יידן וועלן אָפּוואַרפן דעם אולטימאַטום, וועט דער געטאָ פאַרניכטעט ווערן און די איינוווינער וועלן פאַרמישפּעט ווערן צום טויט.

דער ענטפער פון דער אָנפירונג פון קעמפנדיקן געטאָ איז געווען דער פאָלגנדיקער:

די אויפשטענדלער זענען גרייט אַרויסצוגעבן די דייטשע געפאַנגענע מיט דער באַדינגונג, אַז פאַר יעדן דייטש, זאָל דער קעגנער אַרויסגעבן 10 אַרעס־טירטע אָדער געכאַפּטע יידן; וואָס אַנבאַלאַנגט די אַנדערע צוויי פּונקטן פון אולטימאַטום, וואַרפט זיי דער געטאָ אָפּ; דער געטאָ דערקלערט, אַז ער וועט קעמפן ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט. די אָנפירונג פון דער ווידערשטאַנד־אַקציע האָט צוגעגעבן, אַז די דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן באַווייזט, אַז מען קען נישט גלויבן די דייטשע צוזאָגן, ווייל עס איז באַוווּסט, צום ביישפּיל, אַז די יידישע זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין אויגוסט 39 אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, זענען אָפיציעל דורך דער היט־לעריסטישער מאַכט אויסגעשטראָכן געוואָרן פון דער אויפזיכט מיצאַד דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ און זענען פיל ערגער באַהאַנדלט געוואָרן, ווי זייערע כאַווערים פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

דער לעצטער אולטימאַטום פון די אָקופּאַנטן איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. בערלין האָט אָפיציעל פאַראָרדנט די פולשטענדיקע צעשמעטערונג פון געטאָ.

אַרטילעריע אויפן קראַשינסקי פּלאַץ
און פאַרן דאַנציקער באַנהויף

דעם 10־טן טאָג פון אויפשטאַנד האָט די דייטשע ליטונג אַריינגעפירט אַרטילעריע אין צענטער פון שטאָט, האָט זי אויסגעשטעלט אין צוויי פּלעצער, אויף דעם קראַשינסקי־פּלאַץ און פאַר דעם דאַנציקער וואָקזאַל און 6 אַזייגער אין אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן די קאַנאָנאַדע, וועלכע האָט געדויערט ביז צום פרימאָרגן פון קומענדיקן טאָג.

דאָס אַרטילעריע־פייער האָט זיך אַרויסגעוויזן געפערלעכער און פאַר־ניכטנדיקער, ווי די אַטאַקע פון די טאַנקן, אָדער ווי די מאַשינען־ביקסן. די באַלאַגערטע זענען געווען באַוואָפנט מיט האַנט אָדער מאַשינען־ביקסן, אויך מיט גראַנאַטן, זיי האָבן אָבער נישט באַזיצט קיין געווער, וועלכעס זאָל זיין פעיק קעגנצווווירקן די האַרמאַטן, אָדער זיי פאַרניכטן.

אין לויף פון דער ערשטער נאַכט האָט די פיינטלעכע אַרטילעריע צושמע־טערט די מויערן פון געטאָ און אַ ריי הייזער. די דייטשע אָנפירערשאַפט האָט אָנגעוואָנדן אַ פולשטענדיקע שלאַכט־טאַקטיק; אונטער דער שוץ פון אַרטילע־ריע־פייער האָט זי געוואָרפן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון די אויפ־שטענדלער פוסגייער־אָפּטיילונגען. דעם אָנגריף פון די פוס־גייער אָפּטיילונגען האָבן די יידן אָפּגעשטויסן.

דאָס איז געווען פאַר וואַרשע אַ נישט פאַרגעסלעכע נאַכט. די איינוווינער פון דער הויפּטשטאָט האָבן זי פאַרגליכן מיט יענער נאַכט פון אויגוסט, פאַר דעם ווי וואַרשע איז געפאַלן, ווען די דייטשע אַרטילעריע האָט פאַרניכטעט איין הויז נאָך דעם צווייטן, איין גאַס נאָך דער צווייטער. דעם ווידערקאָל פון דער קאַנאָנאַדע האָט מען געהערט אין דער גאַנצער שטאָט. די עקספּלאָזיעס פון אויפרייס־מאַטעריאַל האָבן געמאַכט ציטערן די לופט און אונטערן דרוק פון די מעכטיקע האַרמאַטן־שאָסן האָבן זיך געטרייסלט די הייזער.

די דייטשן זענען זיכער געווען, אַז איין גרויסער אַרטילעריע־שטורעם וועט צווינגען די יידן זיך אונטערצוגעבן. זיי האָבן צוגעגרייט דאָס באָמבאַרדירן פון געטאָ מיט גרויס פּאָמפּע. אויף דעם קראַסינסקי־פּלאַץ און אין דער אומגעגנט פון דאַנציקער וואָקזאַל האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע דייטשע עליטע, מען האָט אויך געצוווּנגען מאַסנווייז די פּוילישע באַפעלקערונג צוקוקן זיך צו דער פאַר־ניכטונג פון דעם געטאָ און צו דער גרויסער סריפע פון יידישן קוואַרטאַל.

דאָס אַריינפירן פון דער אַרטילעריע אין צענטער פון דער שטאָט און דער אַרטילעריע־שטורעם פון דער „שרודמיעשטשע“ איז געווען אַ שטעקן מיט צוויי עקן. אויף צומאָרגנס, גאַנץ פרי, האָט זיך אַ דעלעגאַציע פון דער ציווילער דייטשער באַפעלקערונג געוואָנדן צו דער דייטשער ליטונג. די דעלעגאַטן זע־נען געווען אויפגערעגט: ווי אַזוי קען מען פאַרוואַנדלען דעם צענטער פון

שטאָט, ווו עס וווינען אַזויפיל עמעסע דייטשן, אין אַ שלאַכטפעלד. די דע־לעגאַציע האָט אָנגעוויזן אויף דעם טרויעריקן פאַקט פון דער לעצטער נאַכט, וועלכע האָט, עמעס, די יידן פאַרשאַפן אָנגעזעענע ווונדן, אָבער וועלכע האָט אויך געמאַכט אַ סאַך שאָדן דער דייטשער באַפעלקערונג, ווייל אַ סאַך הייזער פון קראַסינסקי־פּלאַץ און דער אומגעגנט, זענען צעשטערט געוואָרן, פון אַלע ווינונגען זענען, צוליב דער גרויסער אויפטרייסלונג, אַרויסגעפאַלן די שויבן, ספּעציעל האָבן געליטן די הייזער פון דער אַלטער שטאָט, וועלכע זענען לעצטנס געקויפט געוואָרן דורך די דייטשן.

די דייטשע אָנפירונג איז געצוווּנגען געווען זיך צוריקציען און אָפּזאָגן זיך פון דער ווייטערדיקער אַרטילעריע־שיסעריי.

די אַרויסטרעטונג פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע

אָבער נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווי דער פּראָטעסט פון די „רייך און „פּאָלקס־דויטשע“, האָט באַווירקט דעם באַשלוס נישט צו באָמבאַרדירן מיט אַר־טילעריע דעם געטאָ, די פּלוצלומדיקע, שטאַרקע אַרויסטרעטונג פון דעם באַ־וואָפנטן פאַרבינדעטן פון די געטאָ־פאַרטיידיקער — די אַרויסטרעטונג פון דער פּוילישער פּאָלקס־גוואַרדיע. ביינאַכט, ווען די דייטשע הערן האָבן פון די באַלקאָנען פון זייערע פּרעכטיקע ווינונגען, באַוווּנדערט דאָס פייער, וואָס האָט אַרומגענומען דעם געטאָ, האָבן די באַוואָפנטע אָפּטיילונגען פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע אָפּגעשניטן די גאַסן, וועלכע האָבן געפירט צו די פּלעצער, ווו עס האָט זיך געפונען די אַרטילעריע — דעם קראַסינסקי־פּלאַץ און דאַנציקער וואָקזאַל, פאַרצוימט דעם וועג פאַר די דייטשע גרופּן, וועלכע האָבן זיך גע־איילט אויף דער בלוטיקער פאַרשטעלונג און זיי פונאַנדערגעטריבן, געבנדיק זיי אין דער פינסטערניש שטאַרקע קלעפּ. גלייכצייטיק האָבן אַנדערע אָפּטיי־לונגען פון דער גוואַרדיע באַשאָסן דעם דייטשן אַרטילעריע־לאַגער.

די אַרויסטרעטונג פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע האָט געצוווּנגען די דייטשן אָפּצוזאָגן זיך פון אָט דעם עפנטלעכן ספּעקטאַקל. דער פּלאַן אָנצוגעבן דער ליקווידאַציע פונם געטאָ אַ כאַראַקטער פון אַ גאַסן־פאַרוויילונג, איז דורכ־געפאַלן.

לופט־אָנגריפן; די געהענעם־נאַכט.

אין דער קומענדיקער נאַכט, נאָך דעם אַרטילעריע־שטורעם, זענען דערשי־נען איבער דעם געטאָ די פיינטלעכע אַוויאָנען. די לופט־אַטאַקע האָט גע־דויערט די גאַנצע נאַכט. גרופּן פון אַוויאָנען זענען געפלויגן אַ גאַנצע נאַכט, אַראָפּוואַרפנדיק אַ גרויסע צאָל אויפרייס און צינד־באָמבעס. דער גאַנצער יידישער קוואַרטאַל האָט זיך געפונען אין פלאַקערן.

די אָנפירונג פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע האָט באַלד אַלאַרמירט די פייער-לעשער. די פּאָמפּעס, וועלכע זענען פאַרבאַהאַלטן געווען בעמעשעך פון דריי מאָנאַטן, האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן.

די לופט-אַטאַקע האָט זיך איבערגעכאַזערט די צווייטע נאַכט. אַ סאַך הייזער זענען איינגעפאַלן, אונטער די כורוועס זענען אומגעקומען אַ מאַסע מענטשען. די דייטשן האָבן גלייכצייטיק אָנגעגריפן אַלע אָפּשניטן פון דעם געטאָ-פראָנט. אַ דאַנק דער אַוויאַציע האָבן די דייטשן אָפּגעהאַלטן זייער ערשטן זיג. זיי האָט זיך איינגענומען אַריינרייסן זיך אין דער טיף פון די אויפשטענדלערישע פּאָזיציעס. די אויפשטענדלער איז אָבער געלונגען מיטנעמען אין צענטער פון געטאָ אַלע שפּייז-זאַפּאַסן, וועלכע האָבן זיך פריער געפונען אין די דעראָבערטע דורך די דייטשן הייזער. די אויפשטענדלער האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף די גאַסן, נאַלעווקי און פּאַוואַזשקי.

ביז צו די אַרטילעריע און לופט אָנגריפן, נאָך די לעצטע צוויי שלאַכטן, האָבן די רייען פון די אויפשטענדלער געציילט 30 טויזנט מאַן. אין געטאָ, איז נישט געווען קיין איין פּערזאָן, וועלכע זאָל נישט אָנטיילנעמען אין קאַמף.

די שלאַכט אויף דער אָקאָפּאָווע-גאַס

צו איינער פון די שענסטע געשיכטע-בלעטער פונם אויפשטאַנד געהערט די שלאַכט פון דער אָקאָפּאָווע גאַס. די שלאַכט איז פאַרגעקומען אין העלן טאָג, זי איז געווען זייער פאַרביסן און רייך אין מאָמענטן פון דערהויבענעם העראָיזם.

אויף דער אָקאָפּאָווע-גאַס האָבן די אויפשטענדלער קאָנצענטרירט גרעסערע קויכעס און דורכגעפירט אַ ריי קעגנאָנגריפן. נאָך עטלעכע שאָ פון בלוטיקן קאַמף האָבן די אויפשטענדלער באַוויזן פאַריאָגן דעם סוינע פון זיינע פּאָזיציעס, וועלכע ער האָט דעראָבערט אין דעם ערשטן טאָג פון קאַמף, אַרויסוואַרפן אים איבער דעם יידישן בייס-עולם און אַריינרייסן זיך אויף אַ גרויסער לענג אין דער טיף פון דעם נישט-יידישן קוואַרטאַל.

דאָס איז געשען נאָך צוויי וואָכן קאַמף, נאָך דעם צעשמעטערנדיקן אַרטילעריע-שטורעם, נאָך די לופט-אַטאַקעס, נאָך די ערשטע דייטשע דערפאָלגן.

דער איינגעגעבענער קעגנאָנגריף פון דער אָקאָפּאָווע גאַס האָט געקענט העלפן די באַלאַגערטע אויפשטענדלער אַרויסרייסן זיך פון דער דייטשער אייזערנער צוואַנג און אַרויסבאַקומען זיך אויף דער פרייהייט.

די אַקציע איז גוט צוגעגרייט געוואָרן דורך דער אָנפירערשאַפט פון דעם אויפשטאַנד. די יידן האָבן פאַרשטאַרקט זייערע פּאָזיציעס און אָרגאַניזירט איבערפאַלן אויף די זייטיקע גאַסן. יידן-אָפּטיילונגען אין פוילער מיליטערישער אויסשטאַטונג, האָבן זיך באַוויזן אין די שכיינעסדיקע גאַסן.

דער באַאומרוקטער דייטשער שטאַב האָט באַקומען פרישע הילף. די קאַמפן זענען אויסגעבראָכן מיט אַ נייער קראַפט. די יידן האָבן אויפגעהאַלטן זייערע ניי-דעראָבערטע פּאָזיציעס ביז צום סאָף פון טאָג און קימאַט דעם גאַנצן צווייטן טאָג. נאָך 2 אַזייגער ביינאַכט, אונטער דעם דרוק פון שטייגנדיקן

פיינטלעכן אָנגריף, וועלכער האָט אַטאַקירט אונטער דער שוץ פון טאַנקן און מיט דער הילף פון אַוויאָנען, האָבן זיך די אויפשטענדלער צוריקגעצויגן אויף זייערע פריערדיקע פּאָזיציעס פון דער אָקאָפּאָווע גאַס.

ווי אַזוי האָט די דייטשע אָנפירערשאַפט אָפּגעשאַצט די סיטואַציע

אין די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד האָט די דייטשע אָנפירערשאַפט גרינגגעשעצט דעם קעגנער. נאָך די ערשטע דערפאָלגן פון יידישן געווער האָבן די דייטשן געענדערט זייער מיינונג. ווי עס דרינגט אָבער אַרויס פון זייערע קאָמוניקאַטן, האָבן זיי געמיינט, אַז נאָך דעם ערשטן שטורעם פון די טאַנקן, אָדער די ערשטע אַוויאָנען איבערפאַלן, וועלן זיך די יידן איינברעכן און אַוועקלייגן ס'געווער. נאָך דעם ערשטן לופט-אָנגריף האָט די דייטשע אָנפירערשאַפט דערקלערט, אַז די ליקווידאַציע פונם אויפשטאַנד איז אַן איניען פון אַ צוויי, דריי טעג. עס איז אָבער אַנדערש געשען און דאַן האָבן די דייטשן באַגעהויבן אַלץ מער פּאָרזיכטיקער צו האַנדלען. אין זייערע קאָמוניקאַטן באַווייזן זיך שוין ווערטער, וועגן איינענע פאַרלוסטן.

אין דעם קאָמוניקאַט, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך דער שלאַכט פון דער אָקאָפּאָווע-גאַס, האָט דער דייטשער שטאַב דערקלערט: „די באַלאַגערונג פון געטאָ איז אויסערגעוויינלעך באַשווערט. קעדיי צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד, וועט מען דאַרפן קעמפן פאַר יעדן הויז. די יידן פאַרטיידיקן זיך פאַרביסן. דער איניען פאָדערט פון אונז בלוטיקע קאָרבאָנעס און אַ סאַך קויכעס".

אין איינעם פון די קאָמוניקאַטן באַקלאָגט זיך די געשטאַפּאָ, אַז די אונטערערדישע דורכגענג, דורך וועלכע די יידן פאַרשטענדיקן זיך מיט די פוילישע פּאַטריאָטן און באַקומען פון זיי פאַרשטאַרקונגען, באַשווערן דעם דערפאָלגרייכן קאַמף מיטן אויפשטאַנד.

נישט אַנדערש האָבן אָפּגעשאַצט די לאַגע די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן.

נאָך דער שלאַכט פון דער אָקאָפּאָווע-גאַס האָט די וואַרשעווער געשטאַפּאָ איינגעלאַדן די זשורנאַליסטן פון די מעלוכעס פונם „אַקס" צו באַטראַכטן דעם „נייעם פראָנט". עס זענען געקומען איייניקע איטאַליענער, איין פינלענדער, איין אונגאַר. די באַשרייבונג פון דעם פראָנט לייענען מיר אין דער איטאַליענישער צייטונג „טריבונאַ":

„דער פראָנט-איבערבליק איז פאָרגעקומען אויף די גרענעץ-גאַסן פון געטאָ, וועלכע זענען צעשמעטערט געוואָרן דורך דער אַרטילעריע און אַוויאַציע און דערנאָך דעראָבערט געוואָרן דורך די דייטשע פוסגייער. איבער די כורוועס

פון די הייזער האָבן זיך אויפגעהויבן זיילן רויך. אייניקע רעשטלעך פון די געביידעס זענען נאָך געווען אַרומ־גענומען פון פלאַמען. אויף די גאַסן, צווישן די הויפנס ציגל, ברעטער און מיסט האָבן זיך געוואַלגערט טויטע קערפּערס פון יידן און דייטשן. עס איז שווער געווען צו דערקענען, וועלכער קערפּער איז פון אַ ייד, און וועלכער — פון אַ דייטש, ווייל ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן. זענען די אויפשטענדלער, אין זייער מערהייט, אָנגעטאָן געווען אין אוניפאָר־מען פון דער „רייכסווער".

„אין די באַדינגונגען — האָט דער פאָרשטייער פון דער געשטאַפּאָ דער־קלערט די זשורנאַליסטן — איז איצט שווער, אין פוילן פייער אָפּצוגעבן די געפאַלענע דייטשע סאָלדאַטן דעם מיליטערישן קאָוועד".

„דער קאַמף פאַר אַט די גאַסן — דערציילט ווייטער די „טריבונאַ" — האָט געטראָגן אַ פאַרביסענעם און פאַראַקשנטן כאַראַקטער. די דייטשן האָבן געמוזט קעמפן פאַר יעדעס הויז. גאַנץ אָפט האָט די דעראָבערונג פון איין הויז באַדייט אַ בלוטיקע אָנשטרענגונג פון אַ סאַך שאַ".

אין דערווירקלעכקייט האָט דער קאַמף מיט דעם אויפשטאַנד אין געטאָ געקאָסט די דייטשן אַ סאַך מענטשלעכע קאָרבאָנעס. איינער פון די קאָמו־ניקאַטן פון דער אָנפירערשאַפט פון געטאָ, וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך דעם, ווי די סיטואַציע איז באַהערשט געוואָרן, שטרייכט אונטער, אַז אויף דעם פראָנט פונם געטאָ זענען געפאַלן ביי אַ 5000 דייטשן.

די גרויסע וואָך פון אויפשטאַנד.
46 דייטשע מיליטער-פאַבריקן זענען אויפגעריסן געוואָרן

מיר באַזיצן נאָך היינט נישט די גענויע געגעבענע, וועלכע וואָלטן גע־קענט מער אָדער ווייניקער אָפּשאַצן די צאָל פון די דייטשע באַוואָפנטע קוי־כעס, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט מיט דער ליקווידאַציע פונם אויפ־שטאַנד אין געטאָ. עס איז באַוווסט, אַז די דייטשע אָנפירונג האָט אָפט צוגע־פירט פאַרשטאַרקונגען. אין איינעם פון די קאָמוניקאַטן, צ.ב., גיט זי צו וויסן, אַז מיט אַ טאָג צוריק זענען אָנגעקומען אויף דעם געטאָ־פראָנט נייע 6000 זעל־נער, באַוואָפנט לויט די נייעסטע פאָדערונגען פון דער קריגס־טעכניק. אַזוי אַרום האָבן די דייטשן געוואָרפן אויף דעם געטאָ־פראָנט אַ סאַך טויזנטער זעל־נער, אַ גרויסע צאָל טעכנישע און מאָטאָריזירטע מיליטער־אָפּטיילונגען. נאָך 2 וואָכן פון פרוכטלאָזער באַלאַגערונג האָבן די דייטשן עפּעס איבערגעכאַזערט די לופט־אָנגריפן און די טאַנקן־איבערפאַלן. עס איז קלאָר, אַז די אַלץ וואַקסנ־דיקע צאָל מיליטער ווי אויך די עפּעטרע אַוויאָנען און טאַנקן־אָנגריפן האָבן צעריבן אַיין יידישע פּאָזיציע נאָך דער צווייטער.

נאָך 2 וואָכן אָפּענעם און פילווייניקער רעגולערן קאַמף, זענען די אויפ־

שטענדלער געצוואונגען געווען איבערצוגיין צו אַן אַנדער טאַקטיק, צו דער פּאַר־
טיזאַנען־טאַקטיק, וו עס האָבן זי באַצייכנט אייניקע אונטערערדישע וואַרשעו־
ווער צייטונגען. די באַצייכענונג איז דאָ ך נישט פולשטענדיק ריכטיק.
די נייע טאַקטיק איז באַשטאַנען פון קאָמבינירן די פּאַרטיידיקונג־מעטאָדן
מיט דער מעטאָד פון פּלוצלומדיקע, שנעלע און אָנגרייפערישע אַרויספאַלן,
וועלכע פלעגן פּאָרקומען איבערהויפּט אין דער נאַכט.
אַזעלכע איבערפאַלן זענען פאָרגעקומען בעמעשעך פון דער גאַנצער דריי־
טער וואָך, וועלכע איז אָנגערופן געוואָרן דורך דער פּרעסע פון אונטערערדישן
פוילן „די גרויסע וואָך פונם אויפשטאַנד". די איבערפאַלן־גרופּן, איבערגעטאָן
אין דייטשע קליידער, פלעגן זיך אַריינרייסן אין די שכיינעסדיקע גאַסן און
מיט דינאַמיט אויפרייסן די הייזער ווו עס האָבן רויק געשלאָפן דייטשע זעלנער,
אויף מיליטער־לאַגערן און אויטאָמאָבילן. אין פאַרלויף פון דער וואָך האָבן די
אויפשטענדלער אַרויסגעזעצט אין דער לופטן 46 דייטשע אינדוסטריעלע אונ־
טערנעמונגען, צווישן זיי די פאַבריק „פּראַזשעט", קליינמאַן פאַבריק פון עלעקט־
רישע טיילן, די אונטערנעמונג פאַרן רעמאָנט פון אויטאָמאָבילן. צווישן די
פאַרניכטעטע פאַבריקן זענען געווען אייניקע, וועלכע האָבן געהערט צו דער
פירמע „הערמאַן גערינג־ווערקע". דאָס איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דער
דייטשער אינדוסטריע. צוזאַמען מיט די הייזער, מיט די מאַשינען און מענטשן
זענען פאַרלאָרן געגאַנגען זאַפּאַסן רוי־שטאָפן, גרייטע מאַטעריאַלן, האַלב־פאַב־
ריקאַטן און געווער.
אַלס נעקאָמע האָבן די היטלעריסטן, מיט גרויס פּאָמפּע, אויפגעריסן די
שול פון טלאָמאַצקע־גאַס, וועלכע האָט זיך געפונען אויסער דעם געטאָ.
צוזאַמען מיט דער שול איז פאַרברענט געוואָרן די באַוווסטע שול־ביב־
ליאָטעק, אין וועלכער עס זענען אָפּגעהיטן געוואָרן רייכע ביכער־זאַמלונגען,
שריפטן, זעלטענע האַנט־שריפטן, מוזעישע אוניקאַטן פון דער געשיכטע פון
יידן אין פוילן. אַ גאָר נישטיקע צאָל פון די זאַמלונגען האָבן די דייטשן איבער־
געפירט אין דייטשלאַנד און אין דעם אַנטיסעמיטישן מוזעאום אין לעמבערג.

מיינונג־פאַרשידנהייט אין שויס פון דעם אונטערערדישן פוילן

נאָך 3 וואָכן קאַמף האָט זיך די לאַגע פונם געטאָ פאַרערגערט. גיך איז געוואַקסן די צאָל פון צעשטערטע הייזער. אויף די כורוועס האָבן די אויפשטענד־לער געבויט נייע פּאָזיציעס, אָבער דער אייזערנער צוואַנג פון דער באַלאַגערונג האָט זיך אַלץ מער פאַרקלאַמערט. עס איז געווען קלאָר, אַז דער אויפשטאַנד וועט נישט אויסהאַלטן דעם דרוק פון שטאַרקערן קעגנער.

אין די באַדינגונגען האָט זיך די אָנפירערשאַפט פונם אויפשטאַנד געוואָנדן צו די מאָסגעבנדיקע פאַקטאָרן פונם אונטערערדישן פוילן מיט דער ביטע, אַז די פוילישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס זאָלן שטיצן דעם געטאָ נישט נאָר מיט

געווער, מיט אַמוניציע, מיט פּראָדוקטן, מיט מאָראַלישער הילף, נאָר זיי זאָלן אַרויסטרעטן מיט געווער אין האַנט אין אַנדערע קוואַרטאַלן פון וואַרשע. דאָס וואָלט געהאַט אַ צווייזייטיקע באַדייטונג. דאָס וואָלט געשאַפן פאַר די דייטשן אַ נויטווענדיקייט פּאַנאַנדערצוטיילן זייערע באַוואָפנטע קויכעס. דאָס וואָלט פאַרלייכטערט די יידן פאַרצוזעצן דעם קאַמף און עס וואָלט דערמעגלעכט אַרויסרייסן זיך פון דער אייזערנער צוואַנג, אַרויסבאַקומען זיך אין דרויסן און צוריקציען זיך אין די וועלדער; גלייכצייטיק וואָלט דאָס געווען דער אָנפאַנג פון אַ גרויסער באַוועגונג אין לאַנדסמאַסשטאַב, וואָס וואָלט געקענט אַרומנעמען מערערע שטעט און אַרויסרופן אַ ברייטערע ווידערשטאַנד־כוואַליע.

די קאָנקלוזיע פונם קעמפנדיקן געטאָ איז נישט איינהייטלעך אויפגענומען געוואָרן דורך אַלע אונטערערדישע פּוילישע אָרגאַניזאַציעס. ביז איצט האָבן זיך די לאָנדאָנער שעליכים באַגרענעצט צו גאָר אַ קליינער הילף; זייערע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געליפערט ווייניק געווער, אַממערסטנס האָבן דעם אויפשטאַנד געהאָלפן די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס און די אָנפירונג פון דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג. אונטער זייער דרוק און אונטער דעם דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג, האָבן געמוזט די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען דירעקט געווען פאַרבונדן מיט לאָנדאָן, געבן שטיצע די יידן.

אַן אַנדער סיטואַציע האָט זיך געשאַפן, ווען די אָנפירערשאַפט פונם געטאָ האָט זיך געוואָנדן מיט דער אויבן אויפגעקלערטער פאָדערונג. אין דער פראַגע האָט זיך צווישן די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס און אַלע איבעריקע פאַקטאָרן פון דעם אונטערערדישן פוילן געבילדעט אַ פּרינציפּיעלע מיינונג־פאַרשיידנהייט. נאָר די פּוילישע אַנטיפאַשיסטן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם פאַרשלאָג פון געטאָ און פאַר זיין טייקעפּדיקער רעאַליזאַציע. די אַנדערע טור־ער, וועלכע זענען געווען געבונדן מיט דער לאָנדאָנער רעגירונג, זענען געווען קעגן; זיי האָבן דערקלערט, אַז די פּוילישע גאַס איז נאָך נישט רייף פאַר אַזאַ באַוועגונג, אַז עס איז פּריצייטיק און אַז דאָס וועט קיינעם נישט העלפן; זיי האָבן גלייכצייטיק אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַ פאַראָרדענונג פון לאָנדאָן.

נאָר די פּוילישע אַנטיפאַשיסטן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם פאַרשלאַג פון געטאָ און פאַר זיין טייקעפּדיקער רעאַליזאַציע. די אַנדערע טוער, וועלכע זענען געווען געבונדן מיט דער לאָנדאָנער רעגירונג, זענען געווען קעגן; זיי האָבן דערקלערט, אַז די פּוילישע גאַס אַז נאָך נישט רייף פאַר אַזאַ באַוועגונג, אַז עס איז פּריצייטיק און אַז דאָס וועט קיינעם נישט העלפן; זיי האָבן גלייכצייטיק אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַ פאַראָרדענונג פון לאָנדאָן.

די אַנטיפאַשיסטישע גרופּן זענען נישט בעקויעך געווען אַליין אַרויסצורופן אַ גרויסע באַוועגונג אין וואַרשע. אַלע זייערע שריט אויף דעם געביט זענען געווען פּאַראַליזירט דורך זייערע קעגנער אין שויס אַליין פון דעם אונטערערדישן פוילן. די אַנטיפאַשיסטישע גרופּן האָבן דאָך אַ סאַך אויפגעטאָן. זיי האָבן מאָביליזירט אַ גרעסערע צאָל פון פּוילישער יוגנט, וועלכע האָט געטראָגן הילף די יידן, האָט זיך אַריינבאַקומען אין געטאָ און געקעמפט אָרעם ביי אָרעם צוזאַמען מיט די אויפשטענדלער. די אַנטיפאַשיסטן האָבן צוגעצויגן איינציקע פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען פון אונטער וואַרשע, וועלכע האָט איבערגעפירט די

פאַרווונדעטע פון געטאָ אין די פּאַרטיזאַנען לאַגערן. די קעמפער פון דער פאָלקס־גוואַרדיע היבן זיך אויסגעצייכנט מט זייער קאַרבאַנעס־גרייטקייט. די פּוילישע אַרבעטער פּאַרטיי און די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אַקטיוויטעט אָרגאַניזירנדיק די פאַרטיידיקונג און צוגרייטנדיק די מעגלעכקייט פון צורקציען זיך פאַר אַ גרעסערער צאָל אויפשטענדלער פון געטאָ, אין פאַל פון מאַפּאַלע.

אויף די וואַרשעווער גאַסן האָבן די פּוילישע פּאַטריאָטן אויסגעקלעפּט דעם פלאַגנדיקן קורצן אויפרוף :

„פּאָלאַקן ! די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן דעם טויט־אורטייל אויף די לעצטע 30.000 יידן אין וואַרשעווער געטאָ. דעם ווידערקלאַנג פון די שיסערייען הערט איר אין אייערע הייזער. פרויען און קינדער קעמפן מיט ליידיקע הענט. היילט אייך מיט הילף".

דער גייסט פון די אויפשטענדלער. די „טויט־גרופּן"

דאָס אָפּוואַרפן דעם פאַרשלאַג פון אַ באַוואָפנטער אַקציע אין די אַנדערע קוואַרטאַלן פון וואַרשע איז געווען אַ קלאַפּ, וואָס איז מיט ווייטיק אויפגענומען געוואָרן אין געטאָ; מוט האָט צוגעגעבן די פאַרשטאַרקטע הילף פון דעם אַנטיפאַשיסטישן פוילן, דאָס באַווייזן זיך פון אַ גרופּע אַרבעטער־יוגנט און פּאַרטיזאַנען. דער גייסט פון די קעמפנדיקע האָט זיך נישט געבראָכן. דעם 1־טן מאַי האָט דער אַרבעטער־קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צו די אויפשטענדלער. דער אויפרוף איז געשריבן און אָפּגעקלעפּט געוואָרן אויפן העקטאָגראַף אין באַדינגונגען פון די אָפטע לופט־אַנגריפן פון דער פיינטלעכער אַוויאַציע. דער אויפרוף האָט דערקלערט : „דאָס יאָר וועלן מיר נישט פייערן דעם 1־טן מאַי אין גאַסן־מאַניפעסטאַציעס. מיר וועלן פייערן דעם אַרבעטער־יאָנטעוו אין קאַמף אויף אונזערע פּאָזיציעס. דאָס יאָר וועלן מיר נישט רעדן וועגן ליבע און דעם ערשטן טאָג פונם אויפוואַכנדיקן פרילינג, נאָר וועגן גרענעצלאָזן האַס צום סוינע. דאָס יאָר וועלן מיר דעם ערשטן מאַי האַרגענען".

אַפילע שפּעטער, נאָך אַ מאָנאַט פון בלוטיקע קאַמפן, נאָכדעם ווי אַ גאַנצע ריי פּאָזיציעס, גאַסן, הייזער זענען אָפּגעגעבן געוואָרן, נאָך שווערע מענטשפאַרלוסטן, האָבן זיך די אויפשטענדלער גייסטיק נישט געבראָכן. נאָך דעם 23־טן מאַי האָט די אָנפירערשאַפט פונם אויפשטאַנד אָנגעגעבן דורך דעם ראַדיאָ פון ברענענדיקן, מערסטנטיילס פאַרניכטעטן געטאָ, דעם פלאַגנדיקן קאָמוניקאַט :

„דעם לעצטן פרייטיק האָבן די דייטשע אַוויאָנען געוואָרפן אויף דעם געטאָ אַ נייע צאָל באָמבעס. עדר גאַנצער געטאָ שטייט אין פלאַמען. די דייטשן האָבן אויך אַבערגעבאַזערט דעם אָנגריף מיט טאַנקן. מיר שטייען ווייטער אין געשלאָסענע רייען. מיר פאַרטיידיקן זיך. מיר פאַרשאַפן דעם סוינע וווּנדן".

די טאַקטיק פון די אויפשטענדלער האָט זיך געענדערט אין דעם לעצטן

עטאפ פון קאמף. טראָץ דעם, וואָס דער קאָנצענטרירטער הויפּט־ווידערשטאַנד איז איינגעבראָכן געוואָרן דורך די דייטשע טאַנקן און אַוויאַציע. האָבן די אויפשטענדלער נישט צוגעלאָזט דעם גראַנק, וועגן קאַפּיטולאַציע. אין שטאַב פון נאַלעווקי־גאַס האָבן זיך געמאָלדן יונגע אויפשטענדלער, וועלכע האָבן געוואָלט אַלס פרייוויליקע גיין אין ד „טויט־גרופּן". דאָס זענען געווען גרופּן, וועלכע פלעגן זיך אַריינרייסן צווישן די דייטשן, פלעגן באַוואַרפן דעם סונע מיט האַנטגראַנאַטן, נישט צוריקציענדיק זיך, פלעגן זיי קעמפן ביז צום לעצטן אָטעם־צוג. איבערגעטאָן אין דייטשע קליידער, פלעגן זיי זיך אַריינבאַקומען אין דער טיף פון די דייטשע פּאָזיציעס. די קעמפער פון די „טויט־גרופּן" פלעגן פאַר דער אַקציע אָפּגעבן אַ שווּע, אַז זיי וועלן זיך נישט צוריקציען, אַז צוריקקערן זיך וועלן זיי נאָר אין פאַל ווען אַרום זיי וועט זיך מער נישט געפינען קיין איין דייטש. די „טויט־גרופּן" האָבן פאַרשאַפן דעם סוינע אַ סאַך פאַרלוסטן.

די טויט־גרופּן האָבן אָפּ.עהאַלטן דעם פּאָרויסמאַרש פון די דייטשע טאַנקן. מיט גראַנאַטן, מיט פלעשער פון בענזין פלעג זיי זיך וואַרפן אונטער די טאַנקן, פלעגן אומשעדלעך מאַכן די דייטשע מאַשינען, פאַלנדיק אַליין טויט.

דער סוינע איז דאָך פאָרויסגעגאַנגען. די דעראָבערונג פון געטאָ האָט אים טייער געקאָסט. די דייטשע פאַרלוסטן האָבן דערגרייכט ביז עטלעכע טויזנט זעלנער. די דייטשן האָבן מוירע געהאַט צו גיין נענטער צו הייזער, אַריינגיין אין זיי. יעדעס הויז האָבן די יידן פאַרוואַנדלט אין אַ פעסטונג. אויף די דעכער האָבן געוואַכט די אויסשפּירער, פון די פענסטער זענען נישט אָפּגעטראָטן די שיסער. מען האָט געקעמפט נישט בלויז פאַר יעדער געביידע נאָר פאַר יעדן עטאַזש. מען האָט געקעמפט אויף די כורוועס.

סאָף מאַי איז דער ווידערשטאַנד פון די אויפשטענדלער דערשטיקט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן הונגער. די דייטשן האָבן זיך שוין געפונען אין קימאַט אַלע גאַסן און די געהיימע באַשפּייזונג פון אויסנווייניק איז זייער באַשווערט געוואָרן. אין גאַס האָט מען נישט געקענט אַרויסגיין. עס האָט אויסגעפעלט געווער. עס האָבן געפעלט די בעסטע קעמפער, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף. דער ווידערשטאַנד האָט דאָך אָנגעהאַלטן, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען צעשפּרייט. אויף אייניקע אָפּשניטן האָט זיך די אויפשטענדלער איינגעגעבן זיך דורכרייסן דורך די פיינטלעכע פּאָזיציעס און אַנטלויפן אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנען ־ אָפּטיילונגען. די דייטשן האָבן איינגעאָרדנט אַ געיעג; אין פאַלן, ווען די אַנטלויפנדיקע האָבן זיך געפונען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע, האָבן זיי זיך אויפגעריסן צוזאַמען מיט ד דייטשן. אַ סאַך איז דאָך געלונגען צו ראַטעווען זיך.

אויפן 42־טן טאָג פונם אויפשטאַנד איז שוין דער גאַנצער געטאָ געווען אין דייטשע הענט. אָבער דאָס איז שוין מער נישט געווען קיין שטאָטישער קוואַרטאַל, דאָס זענען שוין מער נישט געווען קיין גאַסן. די טאַנקן און די אַוויאַציע האָבן גרינטלעך צעריבן איין געביידע נאָך דער צווייטער. דער אָפּ־ציע־קער דייטשער קאָמוניקאַט, וועלכער מעלדעט וועגן דער ענדגילטיקער באַהערשונג פון דער סיטואַציע דורך דער „רייכסווער", ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„דער איינציקער וועג צו דערשטיקן די אויפשטענדלערישע באַוועגונג אין איר שוירעש — איז די אויסראָטונג פון אַלע געטאָ־איינוווינער און פאַרברענען ביז צום גרונט דעם געפערלעכן נעסט פון בונט".

עס איז נישט פאַרבליבן קיין איין הויז אויף די נאַלעווקעס, אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, נאָוואָליפּקע, נאָוואָליפּיע, מוראַנאָווסקע, מילאַ, גענשע, סמאָטשע. קויט דער מיינונג פון איידעס האָט וואַרשע אין מאַי 43 געהאַט גרעסערע פאַרלוסטן, ווי אין אויגוסט 1939. די טוער פונם אוטערערדישן פוילן האָבן אָפּגעשאַצט, אַז אין אויגוסט 1939 האָט דער פיינט פאַרניכטעט אין דער הויפּטשטאָט 70000 וווינונגען; אין מאַי 1943 האָט ער צעשמעטערט בלויז אין יידישן קוואַרטאַל איבער 100.000 — ד. ה. אַלץ.

אָבער דער אויפשטאַנד איז נאָך נישט געווען דערשטיקט. ער האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטער דער ערד. איבער צען טויזנט קעמפער זענען אַראָפּ אין די קאַטאַקאָמבן ווו ס'זענען נאָך געווען, האַגאַם גאַנץ קנאַפּע אָבער דאָך געוויסע שפּייז־רעזערוון. פאַר דעם אַראָפּגיין אין די קאַטאַקאָמבן האָט יעדער קעמפער געמוזט אָפּגעבן אַ שווּע, אַז טאָמער ווערט ער קראַנק, פאַרלאָזט ער די אונטערערד, קעדיי ניט אָנצושטעקן די כאַוויירים.

אין אָנפאַנג האָט די געשטאַפּאָ נישט געוווּסט ווו ס'געפינען זיך די קאַטאַקאָמבן. די קעמפער זענען אין דער נאַכט אַרויס און דורכגעפירט אַ געוואַלטיקן אָנגריף אויפן סוינע. צומאָרגנס האָט די דייטשע פירערשאַפט זיך געוואָנדן צו די אונטערערדישע קעמפער מיט אַן אולטימאַטום: לייגט אַוועק ס'געווער, גייט אַרויס פון די באַהעלטענישן, אייער לעבן איז געזיכערט. קיין איין פּאַכדן האָט זיך נישט געפונען צווישן די קעמפער.

נאָך עטלעכע טעג האָט די געשטאַפּאָ אָנגעטראָפן אויף איינע פון די באַהעלטענישן. אַ שטאַרקע דייטשע אָפּטיילונג האָט פאַרבלאָקירט דעם אויסגאַנג. די דאָזיקע „העלדן" פון טרעמבלינקע און בעלזשיץ האָבן אָבער מוירע געהאַט אַריינצוגיין אינעווייניק און טרעפן זיך מיטן סוינע אויג אויף אויג. די לאַגע איז געווען אויסוועגלאָז. די פירערשאַפט האָט איינגעטיילט די קעמפער אין צוויי גרופּן. די יוגנט־גרופּע איז אַרויס פון דער אונטערערד און געעפנט אַ פייער אויפן סוינע און אַזוי אַרום געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. זי האָט געגעבן די מעגלעכקייט אַ גרופּע עלטערע און קינדער זיך אַרויסצובאַקומען פון געטאָ און אַוועק אין די וועלדער.

אין אַנדערע פאַלן, ווען די שפּייז־רעזערוון האָבן אָנגעהויבן זיך אויסשעפּן האָבן זיך די קעמפער אַרויסגעקריגן אויף די פריי דורך די רערן פון דער וואַסער־ און גאַז־קאַנאַליזאַציע. די קאַנאַלן האָבן געפירט צו די ניט־יידישע גאַסן. דאָ זיך ווייזן איז געווען אַ ניט קלענערע געפאַר ווי ווייזן זיך אויף די כורוועס פון געטאָ אַליין. אויף אַלע גאַסן האָבן זיך געדרייט שטאַרקע ס.ס. פּאַטרולן. איצט האָבן די קעמפער פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אַרויסגעוויזן אַ באַדייטנדיקע און עפעקטיווע הילף.

די באַוואָפנטע גרופּן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי זענען אַרויס אויף די גאַסן. ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די אויפשטענדלער פון זייערע באַהעלטענישן, האָבן זיי זיי אַרומגערינגלט, זיי האָבן פאַרהאַלטן די באַוועג־

גונג, זיי האָבן אָפּגעשטויסן די דייטשע וואַך און אַוועקגעשיקט די יידן אין וועלדער אַרום וואַרשע.

עס איז קלאָר, אַז נישט אומעטום איז אַזאַ רעטונגס־אַקציע געקרוינט גע־וואָרן מיט דערפאָלג.

עס זענען געווען פאַלן ווען די דייטשן, מוירע האָבנדיק אַריינצוקריכן אין די קאַנאַלן, האָבן דאָרט אַריינגעלאָזט שטיקנדיקע גאַזן

עס זענען געווען פאַלן, ווען די יידן, וואָס זענען געווען באַלאַגערט, בלאָקירט אין די קאַטאַקאָמבן, נישט וועלנדיק אַריינפאַלן לעבעדיקערהייט, האָבן אויס־געדרייט די רעוואָלווערן צו זייערע אייגענע שלייפן. אַזוי האָט פאַרענדיקט דאָס לעבן איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — „מאָרדעכ[illegible]י".

קליינע צעשפּליטערטע קאַמפן פון די פּאַרטיידיקער פון געטאָ האָבן נאָך געדויערט ביז יולי 1943. אָנגעפירט דעם קאַמף האָט די אָנפירערין פון דער געטאָ־אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — „נאַטקאַ", וואָס איז אויך געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט.

די טליע אויף די כורוועס פון געטאָ

דעם פערציקסטן טאָג פונעם אויפשטאַנד איז אין גאַנצן געטאָ געבליבן נישט מער ווי איין פיר שטאָקיקע געביידע. דאָ האָבן זיך פאַרטיידיקט דאָס לעצטע הייפעלע העלדן, וועלכע האָט זיך נישט באַהאַלטן באַצייטנס אונטער דער ערד. די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דער גענעראַל־שטאַב פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיטן אויפשטאַנד.

פון דערפרי ביז ביינאַכט האָט זיך דאָס לעצטע הויז פון געטאָ פאַרטיי־דיקט. אויפן דאַך האָבן געפלאַטערט די נאַציאָנאַלע פענער. ביי די פענסטער האָבן זיך צוזאַמענגעשפּאַרט די לעצטע פאַרטיידיקער פון געטאָ.

די דייטשן האָבן מיט גרויס שוועריקייט דעראָבערט טרעפּ נאָך טרעפּ, שטאָק נאָך שטאָק. פאַרנאַכט צו איז שוין מער נישט געבליבן ווי דריי פאַרטיי־דיקער. זיי זענען געווען אַרויפגעשטויסן אויפן העכסטן שטאָק, אויפן פערטן. די דייטשן פאַרמאַטערטע פונעם קאַמף האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער געביידע און האָבן זיך אונטערגעבונדן פון אַלע זייטן.

און דאַמאָלס האָבן די דייטשן דערזען אַ נישט געוויינלעך בילד. אויפן דאַך וואָס איז שוין געווען פאַרכאַפּט פון די פלאַמען, האָבן זיך באַוויזן דריי געשטאַלטן, יעדע איינע איינגעוויקלט אין אַ פאָן און ווי געשטויסן דורך איין סראַפּט האָבן זיי זיך געוואָרפן אין די פלאַמען, איינגעוויקלטערהייט אין די פענער אונטער וועלכע זיי האָבן געקעמפט ביזן לעצטן אָטעם.

דער צווייטער קאַמף פאַר וואַרשע איז געוואָרן פאַרענדיקט.

אויף מאָרגן האָט דער גובערנאַטאָר פישער געהייסן אויפשטעלן אַ טליע אויף כורוועס פון דער פאַרברענטער געביידע. מען האָט אויף איר אויפגעהאַנ־

גען די לעצטע פיר ראַטמענער פון דער וואַרשעווער גמינע : מיליקאָווסקי, שע־רעשעווסקי, ליכטענבוים און שטעגמאַן.

נעבן דער טליע האָט פישער געהייסן אויפשטעלן אַ צווייטע. אויף איר זענען אומגעקומען די אָנטיילנעמער פון אויפשטאַנד, וואָס זענען אַריינגעפאַלן צו די דייטשן.

פישער האָט זיי געשטעמפּלט אַלס אָנפירער פון אויפשטאַנד און ער האָט זיי געהייסן הענגען ביי די פיס. דאָס זענען געווען דער באַקאַנטער אַרטיסט סאַמבערג, דער פּאָעט יאָסעף קירמאַן, דער זשורנאַליסט ריכטער און דער גע־זעלשאַפטלעכער טוער סולאַר. עטלעכע טויזנט איינוווינער פון געטאָ, וועלכע זענען ביי פאַרשידענע אומשטענדן אַריינגעפאַלן אין די הענט, האָט מען אַוועק־געפירט אין די אַרבעטסלאַגערן קיין טראַווניקי און פּאָניאַטאָוו (לובלינער געגענט).

ערע די געפאַלענע העלדן !

טויזנטער אויפשטענדלער זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר דער אייגענער פרייהייט און פאַרן פאָטערלאַנד. אין דער צוגרייטונג־אַקציע ווי אויך אין די קאַמפן האָבן זיך פאַראייניקט די פאָרשטייער און ריכטונגען פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס פונעם אונטערערדישן געטאָ. צוזאַמען האָבן זיי געקעמפט און צוזאַמען זענען זיי געפאַלן אין ערן־קאַמף פון זייער אייגענעם פאָלק און פאַר דער פרייהייט, פאַרן פוילישן פאָטערלאַנד. דער אָרטאָדאָקס לייב סאָקאָלאָוו, דער ציאָניסט רעמבאַ, דער פועלי־ציאָניסט זאַגאַן, דער בונדיסט אינזש. מיכאַל קלעפּפיש, דער קאָמוניסט טייטלבוים. אַן אומגעהויערע העלדישקייט האָבן אַרויסגעוויזן די יידישע פרויען. די באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוערין ראָכל שטיין, אַן עלטערע פרוי, האָט געקעמפט אויף אַ פּאָזיציע, וואָס זי האָט נישט אָפּגעלאָזט אפילו דאַן ווען אַ קויל האָט איר דורכגעשאָסן דעם אָרעם. ביזן לעצטן אָטעם האָבן אויך געקעמפט די קעמפערינס פון אונטערערדישן געטאָ טאַשע אַלטמאַן און ציווי לובעצקין (באַמ. פון רעדאַקציע. — אַ לעצטע ידיעה פון מאָסקווע מעלדעט, אַז די לעצטע איז געראַטעוועט און געפינט זיך איצט אין ראַטן־פאַרבאַנד). אַ הויכע מאַדרייגע פון מוט האָט אַרויסגעוויזן די 20־יעריקע מאַלקע ע., וועלכער עס האָט זיך די לעצטע פאַר קאַמף־טעג איינגעגעבן זיך דורכצורייסן דורך אַ פיינטלעכן קאָרדאָן, אין דער שפּיץ פון אַ באַוואָפנטן אויפשטענדלער־גרופּע צום נאָענטן וואַלד.

דער אַוואַנגאַרד און די נעשאָמע פונעם אויפשטאַנד איז געווען די יוגנט. אויף אייביק וועט בלייבן דער אָנדענק פון לונע כ., פון „סאַמעקן", פון יאָסעף קאַפּלאַן, פון שמועל בראַסלאַוו, פון מירסקין און הונדערטער יונגע לייט, וואָס האָבן אויסגעפירט דרייסטע איבערפאַלן אויפן סוינע און האָבן זייערע אָפּטיילונ־גען געצוווּנגען זיך צוריקצוציען אויף אָקאָפּאָווע.

אין די רייען פון די אויפשטענדלער האָבן געקעמפט נעבן זיך אַרבעטער

און אינטעליגענטן, פרייַדענקער און גלויביקע. פוילן וועט ערן די נעמען פון ד״ר אַלטע, שריפטשטעלער אַרן איינהאָרן און סאַמועל סטופּניצקי, וועלכע האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע פאַרשלאָגן וועגן אַנטלויפן און ביז דעם לעצטן מאָמענט אָנטייל גענומען אין לאַנד־ראַט.

אין אויפשטאַנד זענען אומגעקומען אַלע פאַרשטייער פון דער פויליש־ייִדישער ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט, וועלכע זענען געבליבן אין וואַרשע: יִסראָעל שטערן און יעכיעל לערער, דער שרייבער סאַלאָמאָן גילבערט, דער קריטיקער שלאָפּאַקאָוון, סאַמועל הירשהאָרן, די זשורנאַליסטן כּילינאָוויטש און אַרן גאָוזע, דער סקולפּטאָר אַסטזשעגאַ, די מאָלער פעליקס פרידמאַן און וויינטרויב, דער אַרטיסט ברון און אַנדערע.

אויף די פּאָזיציעס פון קעמפנדיקן געטאָ האָט געפלאַמט דאָס בלוט פון פּאַליאַקן און געמיינזאַמען שטראָם מיט דעם בלוט פון די פּוילישע ייִדן. ביז היינט קענען מיר די נעמען פון פיר פּוילישע העלדן, וועלכע האָבן זייער לעבן געאָפּפערט פאַר דער געמיינזאַמער זאַך אויף איינער פון די געטאָ־גאַסן. דאָס זענען סטזשעלעצקי, וואַשטשינאַ און די קעמפער פון דער פאָלקס־גוואַרדיע סטאַניסלאַוו ל. און פּיאָטר ט. (ס א ף)

— דער כאַראַקטער און ציל פון אויפשטאַנד

דער צענטראַלער פּראָבלעם, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דער געשיכטע, דעם וועזן און דעם ציל פון דעם אויפשטאַנד, דערפירט קוידעם קאָל צו דער פראַגע: וועלכער איז דער כאַראַקטער פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון די וואַרשעווער ייִדן? צי איז עס בלויז געווען אַן אַקט פון פאַרצווייפלונג, צי האָבן דעם אויפשטאַנד אויך באַהויכט העכערע צילן, עפּעס קאָנקרעטע צילן? צי איז געווען כאַטש די מינדעסטע אויסזיכטן אויף דערפאָלג.

אַלע אומשטענדן, וואָס האָבן באַגלייט דעם אויפשטאַנד באַווייזן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין פאַרצווייפלונגס־אַקט. דער געדאַנק וועגן באַוואָפנטן אויפשטאַנד איז נאָך געבוירן געוואָרן דאַן, ווען די אַרויסשיקונגען האָבן נאָך פאַרהעלטנישמעסיק נישט דערגרייכט קיין גרויסע צאָל מענטשן. דער בלויזער פאַקט פון אויפשטעלן געהיימע, אונטערערדישע קאָמיטעטן — אין דער צייט ווען אויף צו פירן און צו אָרגאַניזירן דאָס ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן אינעם געטאָ בײַ די נייע באַדינגונגען האָט געקאָנט געניגן די לעגאַלע אינסטיטוציעס מיטן קעהילע אין דער שפּיץ — דערדאָזיקער פאַקט ווייזט קלאָר, אַז דער געדאַנק וועגן ווידערשטאַנד איז טיף געווען איינגעוואָרצלט אין דער ייִדישער געזעלשאַפט.

דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז צוגעגרייט געוואָרן — אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם — אין מעשעך פון דריי יאָר, פון סאַמע אָנפאַנג איינשטעלן דעם ריזיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער אינעם האַרץ פון דער גרעסטער פּוילישער שטאָט. אַלע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער גע־

שיכטע און מיטן גאַנג פונעם אויפשטאַנד און וועלכע געפינען זיך אין אונזער באַזיץ באַווייזן, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנטיילנעמער האָבן צוגעלייגט דריי הויפּטצילן.

דער ערשטער ציל איז געווען צו פאַרטיידיקן די אייגענע און די נאַציאָנאַלע ווירדע. צווישן דער מאַסע אַרבעטער און באַלמעלאָכעס איז די לייזונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דעם געזונטן באָדן פון דער פאָלקס־מאַסע געווען: „אויב דער סוינע פאַרלאַנגט דיין לעבן, טו אַלץ איינצוהאַלטן דאָס לעבן. אויב דאַקעגן — טרעט נישט אָפּ און גיי צום טויט“. דער אויפשטאַנד האָט דערריבער געדאַרפט זיין און ער איז ווירקלעך געווען אַ בלענדנדיקע דעמאָנסטראַציע פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די פּוילישע ייִדן וועלן נישט גיין צו דער שכיטע ווי אַ סטאַדע שעפּסן. עס איז געווען אַן אויסגלייכן אַ היסטאָרישער דין וועכעשבן. די וואַרשעווער ייִדן האָבן גענומען אויף זיך די מיסיע און זיי האָבן דעם ציל דערגרייכט.

דער צווייטער ציל פון אויפשטאַנד איז געווען צו באַווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַרן פּוילישן פאָלק, פאַר דער געשיכטע, אַז די ייִדן זענען מיט אומצעטיילבאַרע פעדים צוגעבונדן צו דער ערד, אויף וועלכער זייערע עלטערזיידעס האָבן מיט דוירעס צוריק געלעבט, צוזאַמען מיטן פּוילישן פאָלק, מיט וועמען דער היסטאָרישער גוירל האָט זייט דוירעס פאַרבונדן. די אויפשטענדלער האָבן געוואָלט באַווייזן, אַז קיין שום קויעך קאָן נישט צווינגען די ייִדן צו אַ פרייוויליקן זיך אָפּזאָגן פון רעכט צו אָטעמען די לופט פון פוילן, אַז קיין שום קויעך וועט זיי נישט צונעמען די רעכט צו קעמפן פאַר פוילן.

אָבער איבער אַלע הויכע מאָראַלישע צילן האָט די אויפשטענדלער אויך צוגעלייכטן אַ קאָנקרעטער ציל. אויפן סמאַך פון געשפּרעכן, אונטערהאַנדלונגען און פאַרשטענדיקונגען מיט אָרגאַניזאַציעס פונעם אונטערערדישן פוילן, האָבן די אויפשטענדלער געהאַט קאָנקרעטע אויסזיכטן, זיך אַרויסצובאַקומען פון געטאָ אויף דער אויסערלעכער וועלט, אויב נישט אַלע איז די איבערוועגנדיקע מערהייט. ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, איז אַ געוויסער טייל פון די אויפשטענדלער געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון דער באַלאַגערונג. מען רעכנט די צאָל אויף אומגעפער 5000 מאַן. מען דאַרף דאָ אויך אויסרעכענען די, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן מיט געווער אין האַנט און געפינען זיך איצט אין די אָפּטיילונגען און אין די לאַגערן פון די פּאַרטיזאַנען. איינע פון אַזעלכע אָפּטיילונגען, וועלכע באַשטייט הויפּטזעכלעך פון רעשטלעך פון וואַרשעווער געטאָ, אָפּערירט איצט אונטער דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיזאַנקע מאַלקע ע. אין די בערג און צווישן די פעלזן פון קעלצער געגנט. עס געהערן דאָ אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן אינדיווידועל, וואָס האָבן גענאָסן גלייכצייטיק פון דער הילף פון די פּאַליאַקן. אין וואַרשע איז טעטיק געווען אין יענע טעג אַ פּוילישע קאָמיסיע, וואָס האָט אָרגאַניזירט הילף פאַר די איינוווינער פון געטאָ. ס׳איז באַוווּסט, אַז אויף וואָליע האָבן הונדערטער ייִדן געפונען אַ שוץ. זיי לעבן איצט אַלס קריסטן אין וואַרשע אָדער אין אַנדערער שטעט און שטעטלעך. אַנדערע רעשטלעך פון געטאָ לעבן אין וואַנדער־לאַגערן, אויסמיידנדיק דאָס אויג פון דער מאַכט־אָרגאַנען און ביכלאַל פון איינגעזעסענע יישווים און ספּעציעל פון די

ס.ס. זיי לעבן אין קעסיידערדיקן אומרו, אונטער דער קעסיידערדיקער געפאַר פון אַריינפאַלן אין די הענט פונעם טאַליען.

דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז דאָס טראַגישסטע אָבער גלייכ־צייטיק דאָס שטאַרקסטע, דאָס שענסטע זייטל פון דער יידישער געשיכטע. דער אויפשטאַנד האָט טיפע היסטאָרישע טראַדיציעס. דער גאָלדענער פאָדעם פון די קאַמפס־טראַדיציעס ציט זיך פון בערעק יאָסעלעוויטש און פון די יידישע אָנ־טיילנעמער אינעם קאָשציושקאָ אויפשטאַנד, ביז צו די העלדן פון געטאָ — דורכגייענדיק דורך די יידישע אָנטיילנעמער פון נאָוועמבער און יאַנואַר - אויפ־שטאַנד (1831 און 1863) דורכן געשטאַלט פון בער מייזעלש, וואָהל, די קוויאַ־טעקס, שולמאַנס ביז צו די יידישע סאָלדאַטן, וואָס זענען געפאַלן אונטער קוטנע, דעמבלין, אויף די וואַרשעווער באַריקאַדן.

און ענלעך ווי בערעק יאָסעלעוויטש און בער מייזעלש, ווי קוויאַטעק און דער אומבאַקאַנטער יידישער זעלנער, וואָס איז געפאַלן אין סעפּטעמבער 1939, אַזוי איז געלונגען דער 40־טויזנטיקער אויפשטענדלער - אַרמיי פון געטאָ צו פאַרבינדן אין איין האַרמאָניש־אידעישער גאַנצקייט פון קאַמף, פאַר דער פּער־זענלעכער און נאַציאָנאַלער ווערדע, פאַרן קאַמף פאַר פּוילן, פאַרן געמיינזאַמען פאָטערלאַנד, וועלכעס איז טראָגט אַלע אוולעס געווען אין מעשעך פון יאָרהונ־דערטער די מאַמע, די דערנערערין, די היים פונעם פּוילישן יידנטום. די רויט־ווייסע פאָן האָט געפלאַטערט איבער די קעפּ פון די אויפשטענדלער, איבער די הייזער, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פעסטונגען, איבערן געטאָ.

די יידן פון וואַרשע האָבן מיט זייער קאַמף באַוויזן, אַז זיי באַטראַכטן די פּוילישע ערד פאַר זייער אייגן פאָטערלאַנד. אַז פאַר דער דאָזיקער ערד זענען זיי גרייט דאָס בלוט צו פאַרגיסן און זיך דאָס לעבן מאַקריוו צו זיין.

זאָל דאָס דאָזיקע בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן מיטן לעצטן געדאַנק פאַרן טויט וועגן מאָרגנדיקן פּוילן, וועגן אַ בעסער פּוילן, זאָל זיין דער שטאַרק־סטער בונד די ברידער און די קינדער פון די „נאַטקעס" און „מאָרדכעס" מיט די ברידער און קינדער פון די שטשעלעצקיס און וואַשטשינס.

Imprimerie S.N.I.E., 32, rue Ménilmontant, Paris 20ᵉ

ברידער יידן

די געטאָ-קאַמפן אין וואַרשע האָבן פאַרשטאַרקט דעם קאַמפס-ווילן פון די יידן אין פראַנקרייך.

רעפּראָדוקציעס פון אומלעגאַלע אויפרופן פון פאַריזער יידישע קאָמוניסטן און דער יידישער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע.

פרייז : 15 פר.

פאַריז

אַפּריל 1945